

ב"ה

# פארברענגען עם הרבי

התוועדות
יו"ד שבט ה'תשמ"ב



אידיש

Published and Copyrighted by
VAAD TALMIDEI HATMIMIM HAOLAMI
770 Eastern Parkway, Brooklyn N.Y. 11213
Tel: (718) 771-9674
Email: Vaad@VaadHatmimim.org
5778 - 2018

# פתח דבר

כהמשך לפרוייקט "פארברענגען חודשי עם הרבי" בשנה זו (על ידי "**ועד תלמידי התמימים העולמי**" וחברת JEM), **שמידי חודש בחודשו** יזכו תלמידי התמימים ואנ"ש בכל רחבי תבל להשתתף ב"פארברענגען עם הרבי" בבחינת "יהא רואה בעל השמועה כאילו עומד כנגדו" -

נצפה יחד בסרט-צילום מהתוועדות **יו"ד שבט ה'תשמ"ב**.

בקלטת זו נערכו כל השיחות ממהלך ההתוועדות עם תרגום מילולי ע"ג המסך.

התרגום המופיע על גבי המסך, נערך בצורה מילולית באידיש, בלה"ק, באנגלית, צרפתית, רוסית וספרדית – מתוך השתדלות להיצמד ככל האפשר ל"לשון הרב", למעט מקרים בודדים בהם נעשה תרגום עניני יותר, להבנת הענין לאשורו.

■

כבכל חודש, בנוסף לוידיאו - מצורף גם קובץ זה היוצא לאור כדי לשמש כעזר וכסיוע להכנת תוכן ההתוועדות מראש, ובו **רשימה מילולית** באידיש מדברי כ"ק אדמו"ר בהתוועדות.

בנוסף לקובץ זה יצאו גם קבצים נוספים: א) 'הנחה' מכל ההתוועדות **בלשון-הקודש** – תורגם ונערך ע"י חברי המערכת. ב) **בתרגום לאנגלית** (באדיבות חברת JEM ו Sichos in English).

■

ויה"ר אשר בזכות ה'קאָך' בלימוד תורת רבינו, ובפרט באופן ש"רואה בעיניו ממש את המשלח, נשיא דורנו, שנותן לפניו היום שליחות זו", נזכה במהרה לקיום היעוד ד"תורה חדשה מאתי תצא", ונזכה לחזות באור פני מלך חיים, ולהשתתף בגשמיות ובמוחש בעוד פארברענגען עם הרבי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

**ועד תלמידי התמימים העולמי**

כ"ח טבת ה'תשע"ח

## בס"ד. יו"ד שבט, ה'תשמ"ב

(הנחה בלתי מוגה)

**באתי** לגני אחותי כלה, איז דאָך ידוע דער המשך המאמרים וואָס דער בעל ההילולא האָט אַרויסגעגעבן אַז מ'זאָל לערנען ביו"ד שבט בפעם הראשונה, אין יענעם שבת, און (דערנאָך במש) דערנאָך ביו"ד שבט בפרט בשנים הבאים לאחרי זה, און ער הויבט דאָרט אָן וואָס ער זאָגט (אין מדרשי לגני) אין מדרש שיר השירים, "לגני לגנוני", מקום שהי' מקומי בתחילה, וואָס "שכינה בתחתונים היתה", און דערנאָך איז געוועזן על ידי מעשים בלתי רצויים, איז עלתה למעלה, ביז וואַנענט אַז ס'זיינען געקומען די ז' צדיקים און מוריד געוועזן די שכינה מלמעלה למטה, ביז ס'איז געקומען משה, וואָס ער איז געוועזן דער שביעי שבהם וכל השביעין חביבין, און האָט מוריד געוועזן די שכינה ביז אין "גני", ביז אין ארץ הלזו התחתונה וואָס אין תחתון למטה הימנה. און דערנאָך ווערט דאָס אַזוי געטאָן דורך "וישכנו לעד עלי'", דורך "ועמך כולם צדיקים", וואָס יעדערער פון זיי האָט דאָך "תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב", איז ער משכין לעד עלי' אָט דאָס וואָס ס'איז פריער געוועזן די שכינה בתחתונים, איז ער ווידער-אַמאָל משכין אַז ס'זאָל זיין אין אַן אופן [פון] "לעד", בתמידיות ובנצחיות, "עלי'", צוריק ממשיך בתחתונים.

**וואָס** אף על פי וואָס דאָס ווערט אָנגערופן "אסתלק יקרא דקודשא בריך הוא", בדוגמא ווי ס'ווערט אָנגערופן דער יום ההילולא "הסתלקות", איז דאָך דאָס ווי ער איז מבאר גלייך אין תחילת ההמשך, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דאָס איז דער גילוי און די השראה אין אַזאַ אופן וואָס דאָס איז ניט מצומצם און מוגבל און מדוד בכלים, דערפאַר ווערט דאָס אָנגערופן "אסתלק יקרא דקודשא בריך הוא בכולהו עלמין" — מצד העילוי והמעלה שבדבר. מ'דאַרף דאָך אָבער האָבן, אַז דאָס זאָל אויך זיין אין דברים תחתונים, וואָס זיי זיינען אין עולם הזה התחתון, איז דאָס איז אויך וואָס "וישכנו לעד עלי'" איז דאָ דער ציווי פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אַז מ'נעמט פון די י"ג און ט"ו דברים גשמיים פון עולם הזה התחתון, און מ'מאַכט מיט זיי) און מ'מאַכט פון זיי אויף דעם מקדש אויף וועלכן מ'זאָגט "ושכנתי", "מקדש דאיקרי משכן" און "משכן דאיקרי מקדש", דורך דערויף וואָס ס'איז דאָ דער "בתוכם", בתוך כל אחד ואחד, אַז דער אויבערשטער איז שוכן בלבו של כל אחד ואחד מישראל, וואָס "כל נדיב לבו יביאי'" די י"ג און די ט"ו דברים.

**וואָס** דער עיקר אין משכן איז דאָך געוועזן די קרשים, "ועשית (המשכן קר) [את הקרשים למשכן] עצי שטים עומדים", דער ענין פון די קרשים, איז ווי ער איז

מבואר לאחרי זה, אַז מ׳נעמט פון די ״עצי שטים״, וואָס דאָס איז אויך מלשון שטות, וואָס ״אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות״, וואָרום אַזוי איז אַ איד ניט שייך צו טאָן חס ושלום עפּעס ניט ווי כרצון הבורא, ובלשון הזהר ״ונפש כי תחטא״, אפילו אַז דאָס איז מערניט ווי ״תחטא״, אַן ענין של שוגג – זאָגט אויך דער זהר ״תווהא״: ווי קען זיין בשעת ״לא יאונה לצדיק (כל אוֹן) כל אָוֶן״, אַז ביי אים זאָל זיין אַן ענין פון ״תחטא״ – דאָס איז אַן ענין וואָס דאָס איז מעורר אַ תמיהה אין תורת אמת און אין תורת חיים. נעמט מען פון די עצי שטים, און מ׳מאַכט פון זיי, פון דעם שטות וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט שקר העולם, וואָרום אף על פי וואָס ״ואמת הוי׳ לעולם״ ווי ער (הויבט) ברענגט אויך אַראָפּ אין רמב״ם בתחילתו, אין הלכות יסודי התורה, אין פרק ראשון שבו – איז דאָס אָבער אין אַן אופן פון העלם והסתר, און מ׳דאַרף האָבן ״כיצד יבוא לאהבתו ולישראתו״ דורך דערויף וואָס ער וועט זיך מתבונן זיין בחכמתו, און דערנאָך וועט דאָס אויך זיין ״בדעתו״ – דער כללות ענין פון חב״ד, כדי אויף צו (מבטל זיין) מגלה-זיין דעם אמת פון דעם העלם והסתר. נעמט ער (פון אָט דער) דעם היפך פון ״אמת הוי׳ לעולם״, פון דעם שקר – און מאַכט דערפון אויס ״קרש״, און דאָס ווערט דער ״קרשים עומדים״, בדוגמא פון מלאכים עומדים, ווי ער זאָגט אין מדרש און פאַרגלייכט דאָס דער ״שרפים עומדים ממעל לו״ מיט ״קרשים עומדים״, נאָר דאָס ווערט נאָך מיט אַ הוספה, ״מהלכים בין העומדים״, דורך דערויף וואָס דאָס איז ״ועשית״, און מ׳מאַכט דאָס פון ״אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקו״, ווערט דאָס נאָך אין אַ הוספה, ביז אין אַ הוספה שלא בערך ובאין ערוך, ביז וואַנענט אַז ס׳ווערט דער ״ושכנתי״ – דער למעלה מכל מדידה והגבלה, ווי געזאָגט פריער דער ענין (ווי ער זאָגט אין מדרש) ווי ער רופט דאָס אָן אין לשון ״גנוני״, אַז דאָס איז אַ דירה, וואָס אין דער דירה ווערט ער דאָך נמצא בכל מהותו ועצמותו. ובלשון, אַז אף על פי וואָס ״שמים ושמי השמים לא יכלכלוך״ איז ״אף כי הבית הזה״ אין אַ לשון פון ניחותא, אַז דוקא ב״בית הזה״, איז דאָרטן ווערט דער ״ושכנתי בתוכם״ בלב כל אחד מישראל, און דורך דערויף ״נדיב לבו״ – דערנאָך אויך אין ״משכן דאיקרי מקדש״, ביז אין מקדש כפשוטו, בגאולה האמיתית והשלימה במהרה בימינו ממש על ידי משיח צדקנו.

**כדי** צו מהפך זיין פון שיטים דלעומת זה, אַז דאָס זאָל ווערן שטות דקדושה, למעלה ממדידה והגבלה; פון שקר העולם זאָל ווערן ״קרשים עומדים״, און קרשים עומדים אין אַזאַ אופן אַז ס׳ווערט ״מהלכים בין העומדים״ – דאַרף מען דאָך האָבן אויף דערויף אַן ענין של מלחמה, און אַ מלחמה איז דאָס מעורר, כדי צו מנצח זיין במלחמה דאַרף דאָס מעורר זיין דעם עצם הנפש, וואָס דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך אַז ער וועט מנצח זיין. וואָס על דרך זה איז דאָס אויך (ביי דעם) ביי הוי׳ אלקי צבאות, (וואָס ער איז) וואָס נקרא בשם ״צבאות״ על שם שעושה מלחמה,

ווי ער זאָגט אין מדרש, איז דאָס [מ]עורר אויך דער ״נצח ישראל לא ישקר״, דער היפך פון שקר העולם, און ער ברענגט אַראָפּ דעם נצחון במלחמה, וואָס זי ווערט אָנגעפירט דורך ״צבאות הוי׳״, וואָס דאָס איז דאָך דער נאָמען פון אידן בצאתם מארץ מצרים, פון דעם ערשטן גלות. וואָס פון דעמאָלט אָן זיינען דאָך יעדער איד און אַלע אידן יוצאי צבא בישראל, ״נבראתי לשמש את קוני״ דוקא אין עולם הזה התחתון, דורך דערויף וואָס ער איז מאיר דעם חושך העולם, דורך דערויף וואָס ער איז מנצח אין דער מלחמה מיטן חושך און מיטן העלם והסתר. וואָס דעמאָלט, ווי מ׳זעט ביי אַ מלך, ״מלכותא דארעא״, איז ער מבזבז אפילו אוצרות עצמו און אויך אוצרות אבותיו, וואָס ער נוצט דאָס ניט אויף צרכיו סתם – (איז ער דאָס) נוצט ער דאָס ביז אין אַן אופן של בזבוז צוליב נצחון מלחמה, דורך דערויף וואָס ער גיט די אוצרות צו די אנשי המלחמה, צו די ״צבאות השם״, וואָס אוצר הוי׳ איז דאָס דער יראת-שמים שבאדם, ווי ער ברענגט אויך אַראָפּ אין דעם המשך פון דעם מאמר, ביז וואַנענט אויך כפשוטו דער ענין פון דעם אוצר – דאָס וואָס מ׳גיט ״הקב״ה עוזרו״, אין אַזאַ אופן דעם עזר, אַז ער איז מנצח די מלחמה, ביז אין אַן אופן פון ״פדה בשלום״, ווי כמבואר בארוכה בכמה מקומות דער אמיתית ענין פון ״פדה בשלום״, וואָס אַזוי איז די גאולה מגלות זה האחרון, אַז ס׳ווערט אינגאַנצן דאַרף מען גאָרניט אָנקומען אפילו ״מקרב לי״ – דאָס ווערט אַ פדי׳ בשלום, אַ פדי׳ אמיתית, שלמה שמו ושלום יהי׳ בימיו, און נאָכמערער, ווי ס׳וועט זיין בביאת משיח צדקנו.

**וואָס** כ[די] מבאר זיין וואָס ס׳איז די אוצרות למעלה, וואָס דערפון ווערט דערנאָך אויך פאַרשטאַנדיק ווי דאָס איז למטה – קומט ער אין דעם פרק י״ב, [וואָס דאָס איז דאָך מכוון לשנה הי״ב אין די שנת עשרים בפעם השני׳, וואָס דער כללות ההמשך איז דאָך דאָס פון עשרים פרקים, וואָס כל שנה ושנה איז דאָך מתאים לפרק אחד, און דערנאָך הויבט זיך אָן נאָכאַמאָל עשרים בפעם השני׳. ויש לומר, אַז דאָס איז די ב׳ כ״ף׳ן וואָס זיי זיינען דאָך פאַרבונדן, די אותיות כפולות, מיט דעם ענין הגאולה], איז ער מבאר אין פרק י״ב פון דעם צווייטן מאָל, על דרך (ווי ער איז מ) ווי אין דעם ערשטן מאָל, דער ענין (וואָס דאָס איז דער אוצר) וואָס איז דער ״אוצר״, מיוסד אויפן (מאמר אַז אין א״ס) מאמר הזהר אַז ״אור אין סוף״ איז (למעלה מעלה) ״למטה מטה עד אין תכלית ולמעלה מעלה עד אין קץ״, וואָס דער ״למעלה מעלה עד אין קץ״, ווי ער איז דערנאָך ממשיך, דאָס איז דער ענין ה״אוצר״. כדי צו פאַרשטיין דעם גודל הענין והעילוי פון דעם אוצר – הויבט ער אָן צו מבאר-זיין דעם גודל המעלה והעילוי וואָס ס׳איז דאָ אין דעם ״למטה מטה עד אין תכלית״, וואָס דערפון איז דאָך פאַרשטאַנדיק במכל-שכן דעם עילוי וואָס ס׳איז דאָ אין דעם ״למעלה מעלה״, וואָס דאָס איז דער ענין ה״אוצר״.

**און** ער איז מסביר בזה, אַז דאָס (וואָס ער) וואָס דער נאָמען פון "אור אין סוף" איז כמובן בפשטות מכמה מקומות, אויך אין דעם אָרט פון עץ חיים וואָס ער זאָגט אַז בתחילה איז געווען "אור אין סוף ממלא כל מקום החלל", אַז דאָס איז ניט (ווי בכמה) ווי אין אַנדערע ערטער איז דער פשט: דער אור וואָס ער קומט פון אין-סוף, נאָר דאָ איז דער פירוש "אור אין סוף" - אַז דער אור אַליין איז "אין סוף". וואָס אף על פי וואָס אַן אור איז דאָך מערניט ווי אור והארה – איז דאָך אָבער (יש בו) אור איז דאָך ענינו אַז ער איז "מעין המאור", וואָס דער מאור איז אין-סוף בשלימותו, ביז העכער נאָך דערפון, העכער פון די גאַנצע גדרים והגבלות פון "סוף" און "תחילה" – איז אַזוי ווערט דאָס אויך אין דעם אור וואָס ער ווערט אָנגערופן "אין-סוף". ווי אַזוי ווערט אָבער דער "למטה מטה"? – דאַרף מען דערביי אָנקומען צו אַ צמצום, און דוקא דורך אָט דעם צמצום קען ווערן די מציאות פון דעם מטה, און אף על פי כן בלייבט דער אור אין-סוף ווי ער איז "למטה מטה" אויך אין אַן אופן פון בלי-גבול, ווי ער איז מבאר בפרטיות אין דעם פרק.

**וואָס** דערפון איז דאָך אויך פאַרשטאַנדיק, ובפרט נאָך לויט דעם התחלת ההמשך, אַז דער "למטה מטה" איז דאָס "לגנוני", אַז אף על פי וואָס דאָס ווערט על-ידי הצמצום – איז דאָרט איז דאָ דוקא דער "גנוני" פון עצמות ומהות, וואָס דאָס איז נאָך העכער פון "אין-סוף", און דאָס ווערט דוקא על-ידי מעשינו ועבודתינו (אין דעם עול) אין די עולמות וואָס זיי זיינען על-ידי הצמצום, ביז אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו. (וואָס דאָס איז דאָך בכללות ווי ער זאָגט מיו) וואָס דאָס איז דאָך מיוסד אויף דעם כללות וואָס ער זאָגט אין כתבי האריז"ל, אין עץ חיים בתחילתו ועל דרך זה אין מבוא שערים און אוצרות חיים ובכמה מקומות, אַז בתחילה איז געווען דער אור עליון פשוט ממלא דעם גאַנצן חלל, דער "אין-סוף" (איז ניט געווען) האָט ממלא-געווען דעם חלל, איז ניט געווען קיין מקום למציאות העולמות, און ס'האָט געדאַרפט זיין דער ענין פון צמצום, כדי ס'זאָל ווערן אַן א*רט אין וועלכ[ן] ס'ווערט דערנאָך נמשך דער קו על-ידי הצמצום, (און ער דער גאַנצער) און ס'ווערט דורך דערויף דער גאַנצער סדר השתלשלות. און דאָרטן דוקא פאַרבינדן מען דאָס מיט עצמות ומהות – כאמור, על-ידי הנצחון ווערט דעמאָלט דער "וישכנו לעד עלי'" און דער ענין פון "לגנוני", וואָס (דאָרט געפינט זיך) געפינט זיך בעצמות ומהות.

**וואָס** יש לקשר זה מיטן מאמר הידוע, וואָס נשיא דורינו, בעל ההילולא ברענגט דאָס פון דעם אַלטן רבי'ן, אויפן פסוק "מי כהוי' אלקינו (וואָס קר) בכל קראנו אליו", און מ'ברענגט דאָך אַראָפּ אין פרדס בשם הספרי: "אליו ולא למדותיו". ברענגט דער אַלטער רבי דעם פירוש הבעל שם טוב בזה, דערנאָך איז ער אין דערויף אָבער ממשיך "ופירוש הפשוט" וואָס דער אַלטער רבי זאָגט, אַז דאָס מיינט מען

ניט (אורו העכער פון אורות און) העכער פון אורות און כלים, (נאָר) און אפילו העכער ווי אורות בפני עצמם, נאָר דאָס מיינט מען עצמות ומהות, וואָס דאָס איז דער ענין התפילה פון כל אחד ואחת מישראל איז ער מתפלל ״אליו ולא למדותיו״, איז ער מתפלל צו עצמות ומהות.

**וואָס** דאָס איז דאָך אויך קשור דערמיט וואָס דער בעל שם טוב איז מבאר, ווי אַראָפּגעבראַכט אין כתר שם טוב, אַז ״עשה קב״ה כמה צמצומים בכמה עולמות״ כדי אַז דערנאָך זאָל אַ איד על ידי עבודתו ווערן אחדות און איין זאַך מיט הקב״ה, וואָס ער איז דער ״עשה כמה צמצוצמים״. וואָס דערפון איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס ווערט איין זאַך, נאָך העכער פון כל ענין הצמצומים און ניט שייך רעדן (און מסב) דעם ענין הצמצום אָדער על כל פנים שולל זיין. וואָס דאָס איז דאָך אויך מתאים דערמיט פון התחלת ספרי פון דעם מגיד, וואָס סיי דער ספרו לקוטי אמרים סיי דער ספרו אור תורה הויבן זיך דאָך אָן גלייך בתחילתם, אַז אידן מיטן אויבערשטן זיינען דאָס בדוגמא ווי אַן אב וואָס צמצמם עצמו ביז וואַנענט ער לאָזט זיך און משתעשע און שפילט זיך מיטן בן. וואָס דאָס איז דאָך אויך פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז דאָ מיינט מען העכער פון כל עניני גילויים, ביז וואַנענט ווי מ׳זעט דאָס אין די אהבה עצמית פון אַן אב לבנו, אַז דאָס איז דאָך אַן ענין עצמי; פאַרוואָס איז דאָס אַזוי למטה? – דערפאַר וואָס אַזוי איז דאָס למעלה, וואָס פון דאָרטן איז ״נשתלשלו מהן״.

**וואָס** דאָס איז אויך ווי מ׳געפינט דאָך בתפילתו פון דעם אַלטן רבי׳ן, ובהקדמה ווי ער איז מבאר אין שער היחוד פון דעם מיטעלן רבי׳ן, אויף ״מי לי בשמים״, אַז דאָס גייט אויף אור הסובב שלפני הצמצום, און דער אַלטער רבי בתפילתו פלעגט דאָך זאָגן, ווי ער ברענגט אַראָפּ (אין ספר המצוות) אין [שורש] מצות התפילה אין ספר המצוות פון צמח צדק, אַז ״מי לי בשמים ועמך לא חפצתי בארץ״, אַז ״זע, איך וויל ניט דיין גן עדן וכו׳״, וואָס דאָס איז דאָך כולל – לפי פירוש אין ספר היחוד – אויך די ענינים שלפני הצמצום, און ווי ער איז מסיים בתפילתו ״איך וויל מער ניט ווי דיך אַליין״ – עצמות ומהות. וואָס דאָס איז אויך כמדובר, ווי געזאָגט פריער, אין ״אליו ולא למדותיו״ לפי פירוש פון דעם אַלטן רבי׳ן, אַז דאָס מיינט מען עצמות ומהות.

**וואָס** דאָס איז דאָך אויך ווי מבואר אין די מאמרים פון רבי׳ן מהר״ש בכמה מקומות, ובפרט אין די מאמרים פון תרכ״ז, וואָס דאָרט איז אויך אַראָפּגעבראַכט דעם אַלטן רבינ׳ס מאמר ״להבין ענין אור אור אין סוף״, וואָס דאָס איז דאָך פאַרבונדן מיט דעם (ענין) ענין המבואר בפרק זה, מיט די הוספות הערות וציונים פון דעם צמח צדק און פון דעם רבי׳ן מהר״ש, און דערנאָך אין דעם מאמר

באותה השנה אין ״נפתלי אילה שלוחה הנותן״, וואָס ער שטעלט זיך וואָס דערנאָך שטייט דאָס לשון נקבה, און איז מסביר, אַז כל הענינים לאטחרי הצמצום, איז ״תש כוחו כנקבה״, וואָס דערפאַר איז ״אתָ עשית״ שטייט ״אתָ״ חסר ה״א, לשון נקבה, ״תש כוחו כנקבה״, וואָרום דאָס איז לאחרי הצמצום, און מ׳איז מתפלל און מ׳פירט-אויס על ידי עבודת האדם, אַז דאָס ווערט ווי לפני הצמצום, און דאָרטן גופא – ביז אין תכלית העלי׳, ביז אין אַן אָרט וואָס איז נאָך העכער פון דעם גאַנצן גדר פון מעלה און מטה, וכתפילתו פון דעם אַלטן רבי׳ן, ווי אַראָפּגעבראַכט פון צמח צדק אין תורה, וואָס דאָס ווערט דערנאָך אַ הוראה לכל הלומד ענין זה, אַז ער קען זיך דערמיט מתאחד זיין, ביז וואַנענט אַז ס׳ווערט אַ ״יחוד נפלא״, אַז ער קען אויך קומען (צו אָט דער גדר) צו אָט דעם ענין און צו אָט דער דרגת העבודה, ״איך וויל מער ניט ווי דיך אַליין״ - אַ יחוד מיט עצמות ומהות, (על ידי) דאָס ווערט בפועל, ווי געזאָגט פריער, דורך י״ג וט״ו דברים, וואָס דאָס איז כולל כל העולם כולו, דורך מעשינו ועבודתינו אין כל עניני עולם הזה התחתון, אין וועלכן מ׳זעט אַז ס׳זאָל ווערן אַ ״דירה לו יתברך בתחתונים״.

**וואָס** דאָרטן גופא זאָגט מען דאָך ״תחתון שאין תחתון למטה הימנו״, אף על פי וואָס ער דערמאָנט אין דעם פרק דער ענין ״צמצום״ בלשון יחיד – איז דאָך ווי דערמאָנט פריער אין לשון הבעל שם טוב ״עשה כמה צמצומים דרך כמה עולמות״, ועל דרך זה מבואר בארוכה די פרטים בזה אין די מאמרים פון דעם רבי׳ן נשמתו עדן, אין המשך פון ס״ו ובכמה מקומות, אַז ס׳איז דאָ כמה וכמה צמצומים, ובכללות שטעלן זיי זיך אויס אין די ג׳ צמצומים: מן המאציל לנאצלים, צו עולם האצילות, צו שם הוי׳, און דערנאָך אַ צווייטער צמצום – פון הוי׳ אין שם אלקים, און דערנאָך אַ דריטער צמצום פנו אלקים ווי ״בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״, איז דאָך דאָס אין אַן אופן פנו העלם והסתר, איז דאָס אויך אין אַן אופן פון צמצום – איז אָט די אַלע צמצומים זאָגט דער בעל שם טוב ״עשה כמה צמצומים דרך כמה עולמות״, וואָרום אָט דאָס ווערט דער וועג ווי אַזוי יעדער איד און אַלע אידן ווערן נתאחד עם הקב״ה, ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט אַן אחדות, ביז אַן אחדות (שאין) וואָס ס׳איז גאָר ניט שייך פאַנאַנדערטיילן.

**וואָס** דאָס ווערט על ידי מעשינו ועבודתינו, ובפרטיות ווי ער איז מבאר דערנאָך אין די פרקים שלאחרי זה, אַז מ׳ניצט אויס די אוצרות וואָס דער מלך מלכי המלכים הקב״ה גיט יעדער אידן, וואָס יעדער איד איז אַ חלק פון ״צבאות הוי׳״, און ער איז ממלא תפקידו און מנצח די מלחמה, (און ס׳קומט) צוזאַמען מיט די אוצרות, און ס׳קומט דערנאָך די גאולה האמיתית והשלימה, וואָס דעמאָלט איז דאָך ״ונגלה כבוד הוי׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי הוי׳ דיבר״, ובעיקר איז דאָס דוקא אין ״לגנוני״, ״למקום שהי׳ (דירתי בתחילה) עיקרי בתחילה״, אין עולם הזה

התחתון שאין תחתון למטה הימנו, במהרה בימינו ממש, אין בית המקדש, אין ארץ הקודש, "אשר תמיד עיני הוי' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, נשמות בגופים, און צוזאַמען מיט "כספם וזהבם אתם" ברוחניות, צוזאַמען מיט כספם וזהבם אתם בגשמיות – בני חיי ומזונא רוויחא. ואין ענין יוצא מידי פשוטו, אַז מ'גייט בקרוב ממש בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, אין ארץ הקודש, ובשמחת עולם על ראשם, ובמהרה בימינו ממש.

*ניגנו את הניגון "רועה ישראל", תוך כדי שכ"ק אד"ש עונה "לחיים ולברכה". בהמשך עודד כ"ק אד"ש את הנגינה.*

**בס"ד. שיחת יו"ד שבט, ה'תשמ"ב.**

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. שוין ווי גערעדט עטלעכע מאָל, דאָס איז דאָך אָבער אויך נוגע צו **יעדער** מאָל, אויף פאַרענטפערן אַ שאלה וואָס קען זיך שטעלן באַ מערערע משתתפים (בא די באטייליגטע),

וועט מען איבער'חזר'ן, עכ"פ בקיצור, די נקודת הביאור בזה.

וואָס מ'האָט זיך דא צוזאַמענגעקליבן, אמת טאַקע אין אַ מקום קדוש, אין אַן אָרט וואו מ'דאוונט צו דעם אויבערשטן "כעבדא קמי' מרי'" (שבת י, ב), און אין אַן אָרט וואו ס'איז דא שיעורים, וואָס מ'לערנט תורה, וואָס "אורייתא וקב"ה כולא חד", וואָס דורך דערויף פאַראייניקט מען זיך מיטן אויבערשטן, ביז וואַנענט אז תורת אמת זאָגט אז דאָס איז "כולא חד",

אעפ"כ, טוט מען דאָך דאָס ניט בכל יום ובכל שעה אין אַזאַ אופן און אין אַזאַ פאַרנעם,

וואָס דאָס וואָס דאָס איז געמאכט געווארן ברוב עם הדרת מלך, מלכו של עולם, איז דאָס פאַרבונדן מיט אַ מאורע (מיט אַ פאסירונג) וואָס האָט געטראפן מיט מערערע צענדליקער יאָרן צוריק, מיט צוויי און דרייסיק יאָר צוריק.

וואָס דאָס איז דאָך בכלל אַ גרויסער משך זמן, עאכו"כ ווי די לעצטע יאָרן, ובפרט די צוויי און דרייסיק יאָר, זיינען דאָך געווען "רייך" אין אזוינע פאסירונגען וואָס אין נארמאָלע צייטן האָט דאָס געדאַרפט נעמען אַ סאַך מערער יאָרן, און ווי מ'האָט געזען די שינויים (די ענדערונגען) און די פאסירונגען וואָס זיינען געווען במשך זמן זה, סיי די שינויים (די ענדערונגען) לטוב, סיי אויך די ענדערונגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג,

איז נארמאָלע צייטן וואלט דאָס גענומען אַ סאַך מערער צייט, און דא איז דאָס געווארן ארייגעשטעלט אין אַ משך זמן (לפי ערך המאורעות) אַ סאַך אַ קלענערער,

וואָס דאָס מאכט דאָך אָבער נאך ווייטער לכאורה די צייט, דעם טאַג, די נאכט, ווען מ'האָט זיך צוזעאמענגעקליבן, פון דער צייט ווען די פאסירונג האָט געטראפן,

אעפ"כ זעט מען דאך, אז דאָס האָט צוגעצויגן מענטשן פון פאַרשידענע חוגים פון אידן, וואָס אידן ווערן דאָך אנגערופן "עם חכם ונבון", וואָס זיי ווייסן יעדערער פון זיי אז דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ מאורע וואָס בעבר (אין פאַרגאנגענהייט), און ווי דערמאנט פריער – אין אַ פאַרגאנגענהייט וואָס זי איז לכאורה גאר שטארק פאַרשידן פון דעם מצב ההוה איצטער -

אעפ"כ קומט מען, ברצון הטוב, ובטוב לבב, זיך משתתף זיין און באטייליגן זיך אין דעם, ניט קוקנדיק אויף פאַרשידענע אומבאקוועמלעכקייטן מיט וועלכע דאָס איז פאַרבונדן,

וכאמור, דאָס רעדט זיך דאָך וועגן "עם חכם ונבון", און אעפ"כ טוט מען דאָך דאס, ווי מ'זעט דאָס בפועל, ואדרבא, משנה לשנה (פון יאָר צו יאָר) ווערט דאָך דאָס פאַרגרעסערט בכמות,

און בשעת עס קומט צו ביי אַ מענטשן און ביי אַ אידן בכמות – קומט אויך צו באיכות,

ווי געדעדט כמ"פ, ובפרט ווי אויך אַרויסגעבראַכט אין דער הלכה פון "ברוב עם הדרת מלך" אז (ס'איז?) ניט נאר בשעת ס'איז דא דער אונטערשייד פון 9 מענטשן ביז 10 מענטשן, וואָס דוקא דעמולט ווערט דאָס אַן "עדה קדושה", נאר אפילו דער אונטערשייד פון 10 ביז 11, און דער אונטערשייד פון מאה און מאה ואחד, און דער אונטערשייד פון אלף און אלף ואחד, און רבבה ורבבה ואחד –

איז אויף דערויף חל דער ענין און דער חיוב מיט דעם זכות פון "ברוב עם", אע"פ וואָס לכאורה איז וואָס וועט טאַקע צוקומען בשעת עס וועט צוקומען נאך איינער און נאך צוויי, בשעת מ'האָט בלאה"כ די שלימות פון אַ מנין, די שלימות פון מאה, די שלימות פון אלף, און די שלימות פון רבבה, ווי די משנה רעכנט אויס די חילוקים לדעת ר' יויס בנוגע צום נוסח פון ברכת המזון (כמדומני ברכות מט, ב),

און אעפ"כ זאָגט מען, אז ס'איז דא אַ רבבה און עס וועט צוקומען נאך איינער – איז דאָס נאך מערער דעם "הדרת מלך", און אז עס וועט צוקומען נאך צוויי – וועט דאָס זיין **נאכמערער** "הדרת מלך" (להעיר ממג"א או"ח הל' מגילה),

איז דאָך דערפון פאַרשטאנדיק, אז בשעת עס קומט-צו בכמות – קומט-צו בדרך ממילא אויך באיכות.

איז דאָך דער ביאור בזה בפשטות, אז דאָס גופא, אז מ׳זעט אז דער ענין ציט צו, און דאָס גופא וואָס מ׳זעט אז מזמן לזמן, משנה לשנה, ציט דאָס צו מערער – איז דאָס גופא אַ הוכחה, און אַן **אמת׳דיקע** הוכחה, אז דאָס איז ניט אַן ענין פון פאַרגאנגענהייט, נאר דאָס איז אַן ענין פון הוה,

און וויבאלד אז דאָס איז אַזאַ הוה וואָס פאַראַיאָרן אין דער צייט איז דאָס געווען הוה, און מ׳זעט אז דערנאך איז צוגעקומען נאך פירות נאכמער און נאכמער,

וואָס דאָס איז דרך אגב דאָך אויך מודגש, אז אין עטלעכע טעג נאך עשירי בשבט, קומט דאָך חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות, וואָס מ׳פאַרבינדט דאָס מיטן פסוק "כי האדם עץ השדה", אז יעדער מענטש, ובפרט אַ איד, איז פאַרבונדן און געגליכן צו אַן "עץ השדה",

און דעמולט הויבט זיך אָן דער **ראש השנה** לאילנות, ובפרט נאך לדעת ב"ש, וואָס ס׳האט זיך שוין אנגעהויבן פון **ראש חודש** שבט, הויבט זיך דעמולט אָן די לחלוחית חדשה, די נייע קראפט מיט די נייע שטארקייט מיט די נייע לעבעדיקייט אז ער זאל וואקסן נאכמערער און אַרויסגעבן נאכמערער פירות בכמות און נאכמערער פירות באיכות,

איז כאמור, דאָס גופא אַ הוכחה, אז דאָס איז אַן ענין פון הוה, און דאָס איז אַן ענין וואָס פאַרזיכערט אז דער עתיד וועט אויך זיין נאך מערער ווי ס׳איז דער הוה, ווארום "ילכו מחיל אל חיל", מ׳וועט האלטן אין וואקסן אליין, און האלטן אין איין אַרויסגעבן וואָס מערער פירות,

און אז מ׳פרעגט די שאלה, היתכן, ווי קען מען זאָגן אַזאַ זאך, בשעת מ׳זעט אז תורת אמת זאָגט אז בשעת מ׳וועט שרייבן אין אַ שטר דעם "תאריך" פון **דעם יאָר**, דאַרף מען **מוסיף** זיין אין דעם צאל פון די יאָרן 32 יאָר מערער ווי אין דעם שטר וואָס מ׳האָט געשריבן בשנה ההיא –

איז דאָס גופא איז דאָך לכאורה איז דאָך **דורכגעגאנגען יאָרן** –

הענגט דאָס אפ אַן דערויף וואָס מ'האָט געטאן אין די יאָרן וואָס זיינען דורכגעגאנגען, און עס הענגט אפ אויך אַן דערויף – וועגן וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס רעדט זיך, און וועגן וואָס פאַר אַ פעולות דאָס רעדט זיך.

ובדוגמא ווי מ'זאָגט אז "יין ישן דעת זקנים נוחה הימנו", אז ס'איז דא אזוינע זאכן וואָס אז עס קומט-צו נאך אַ יאָר, איז ניט נאר דאָס ווערט ניט שוואכער, ח"ו, אדער ווייניקער פעיל (ווייניקער אקטיוו) ח"ו, נאר **אדרבא**, אז עס ווערט "ישן" מיט אַ יאָר מערער, איז אט דעמולט איז דער "זרעו בחיים" ווערט נאך שטארקער און נאך מערער, סיי בכמות סיי באיכות.

עאכו"כ אז עס גייען דורך **מערערע יאָרן**, און דאָס רעדט זיך וועגן אַ מענטשן וואָס זיין תפקיד און זיין שליחות, וואָס ער האָט דאָס דורכגעפירט בפועל, איז געווען – אויף אריינטראגן לעבעדיקייט אין יעדער מענטשן מיט וועלכן ער האָט זיך געטראפן, לעבעדיקייט ברוחניות, און לעבעדיקייט אויך בגשמיות,

ווי באוואוסט וועגן זיינע פעולות וואָס ער האָט געטאן ביז אין אַן אופן פון מס"נ, אויב מ'האָט געדאַרפט דערצו אנקומען, אויף אַרויסהעלפן יעדערן וועלכן ער האָט געקענט העלפן, סיי ברוחניות סיי בגשמיות,

האט מחנך געווען אט די אלע צו וועלכער האָט געקענט דערגרייכן, אז זיי זאלן אויך זיין "זרעו בחיים", אז זיי זאלן זיך מתעסק זיין מיט פאַרשפרייטן "חיים", פאַרשפרייטן לעבעדיקייט, ברוחניות ובגשמיות, ארום זיך,

אנהויבנדיק פון זיך אליין, ניט באנוגענענדיק זיך מיט דעם מעמד ומצב צו וועלכן מ'האָט דערגרייכט, נאר האלטן איין וואקסן, ווי אַן "עץ השדה" וואָס עושה פירות ופירי פירות,

האט ער אויך באַ איינפלוסט און האָט אויפגעשטעלט דורות תלמידים ותלמידי-תלמידיו אז זיי זאלן זיך אויך פאַרנעמען "בחיים", מיט לעבעדיק מאכן זיך און ארום זיך, און אויך אין אַן אופן פון "נרות להאיר" ו"טופח על מנת להטפיח", אויף לעבעדיק מאכן אַ מענטשן מיט וועלכן מ'קומט אין בארירונג, אין אַזאַ אופן, אז ער זאל דערנאך זען אין זיך דעם שליח אויף נאך לעבעדיקער מאכן די מענטשן וואָס ארום אים,

איז אט דעמולט איז **פאַרקערט** דער ענין, אז בשעת עס קומט-צו נאך אַ יאָר, איז ניט די זאך, כאמור, ווערט ח"ו עלטער ובמילא – שוואכער, נאר זי

ווערט עלטער ווערט די קליגער, ווערט מען פרימער, האָט מען געלערנט נאכמערער תורה און מקיים געווען נאכמערער מעשים טובים, במילא איז געווארן "מי שיש לו מנה רוצה מאתים",

און אז ער האָט שוין "מאתים" איז אט דעמולט פאדערט ער, און טוט כל התלוי בו ער זאל באקומען "ארבע מאות",

איז בשעת עס גייט דורך נאך אַ יאָר און נאך אַ יאָר, ווערט די זאך אלץ שטארקער און לעבעדיקער, און האלט אין איין וואקסן, בכמות ובאיכות,

ביז וואַנענט אז מ'האָט איז דערויף די הבטחה, אז בשעת מ'טוט למטה גיט דער אויבערשטער מלמעלה במדה טובה, מדה כנגד מדה, אָבער כמ"פ ככה, אין אַ סאַך אַ גרעסערע מאס, סיי בכמות סיי באיכות,

ביז וואַנענט אז עס ווערט ווי דער לשון פון חכמינו ז"ל, וואָס זיי האָבן אויסגעדרוקט גאר טיפע געדאנקען אין גאר ווייניקע ווערטער, אז "יגעת ומצאת", אז בשעת מ'הארעוועט מיט אַן אמת, איז אט דעמולט איז ניט נאר מ'דערגרייכט דאָס צו וואָס מ'הארעוועט, וואָס דעמולט האָט דאָך געדאַרפט שטיין ניט דער לשון "ומצאת", נאר "והשגת" אדער "וקבלת" אדער כיו"ב,

שטיט דער לשון "ומצאת" - אז מ'געפינט נאך מערער וויפל מ'האָט ערווארטעט לויט די יגיעה וואָס מ'האָט אריינגעלייגט,

ביז וואַנענט מ'איז זוכה, דורך די אלע מעשים טובים, און דורך די לימוד התורה, וואָס מ'טוט אין אַן אופן פון "ילכו מחיל אל חיל", און בשעת מ'ווערט עלטער מיט אַ טאג קומט אויך צו אַ טאג וואָס ער איז אנגעפילט מיט מעשים טובים, מיט לימוד התורה וקיום המצוות,

ביז וואַנענט אז דאָס ברענגט אראפ, אין אַן אופן פון "אחישנה", דער "ומלאה הארץ דעה את הוי'", אז עס ווערט "אנגעפילט" די טעג פון יעדער איינעם, און עס ווערט אנגעפילט די גאנצע וועלט מיט "דעה את ה'", פון **וויסן** און **פאַרבינדן** זיך, און ווערן איין זאך מיט געטלעכקייט,

דורך דערויף וואָס מ'איז ממלא די שליחות פון "אתם קרויין אדם", ע"ש אדמה לעליון, אז מ'טוט אלץ וואָס מ'קען, אז "מה הוא חנון אף אתה חנון", "לדבקה בו", "מה הוא רחום אף אתה רחום",

טאן מעשים טובים, כולל די מעשים טובים פאַר דער נשמה דורך שטייגן אין אידישקייט אלץ מערער און מערער,

והמעשה הוא העיקר, לימוד **התורה** במעשה בפועל, קיום המצוות **בהידור** במעשה בפועל,

און דאָס היילט נאכמער צו דער "והקיצו ורננו שוכני עפר", והוא בתוכם, דער ענין פון תחיית המתים, וואָס ווי ער זאָגט אין זהר וועט זיין אין דערויף גופא הקודם קודם יותר, אז די התחלה וועט זיין פון צדיקי עולם און נשיאי עולם, נשיאי ישראל האמיתיים,

ווי פאַרשטאנדיק אויך דערפון וואָס די גמרא זאָגט (יומא ה, ב) אז משה ואהרן עמהם, אז גלייך ווי עס וועט זיין דער ביהמ"ק השלישי, וואָס דאָס וועט דאָך זיין אין **תחלת** הגאולה האמיתית והשלימה ע"י "יבנה ביהמ"ק", ווי ער פסק'נט אפ אין רמב"ם – וועט גלייך זיין דער ענין פון "משה ואהרן עמהם", און זיי וועלן אנוויזן די פרטי העבודה אין וועלכע מ'האָט נאך ניט קיין קלארקייט ווי אזוי עס דאַרף געטאן ווערן, ווי די גמרא (שם) און תוספות (ד"ה אחד – פסחים קטז, ב?) ברענגט דאָס אראפ.

וואָס כדי דאָס **נאכמערער** צוהיילן, און טאן דאָס אין אַן אופן פון שירה ושמחה, ווי דער שיעור פון היינטיקן טאג, לויט די תקנה פון בעל ההילולא, כפי שיתבאר לקמן,

איז יעדער מעשה טוב אחת, און יעדער דיבור טוב אחד, און יעדע מחשבה אחת טובה, און אפילו די החלטות טובות בזה, מין תוקף המתאים, אז מ'איז מחליט (מ'באשליסט) מיט דער פאסענדער שטארקייט וועט דאָך דאָס זיכער אראפקומען בפועל, במחשבה דיבור ומעשה,

בהנוגע צו זיך אליין, און בהנוגע צו פועל זיין אויף די אלע וואָס זיי זיינען "זרעו", זיינע מקבלים, זיינע תלמידים, און זיינע מושפעים, אז זיי זאלן זיין "בחיים", זיי זאלן זיין אַ מקור פון וועלכן עס ווערט בארשפרייט אמת'ע לעבעדיקייייט אין דער גאנצער סביבה –

ברענגט מען אראפ, כאמור, אין אַן אופן פון "מיד", אין אַן אופן פון "אחישנה", דער "הקיצו ורננו שוכני עפר", והוא בתוכם,

און מ'ברענגט אראפ די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און ווי געזאָגט – במהרה בימינו ממש.

ניגנו את הניגון "חיילי אדוננו . . חיילי משיח, משיח צדקנו", תוך כדי שכ"ק אד"ש עונה "לחיים ולברכה". בהמשך עודד כ"ק אד"ש את הנגינה.

## שיחה ב:

מ'האָט דאָך פריער דערמאָנט, מיוסד – באַגרינדעט – אויף מאמר חז"ל, אַז אויב "זרעו בחיים" איז "אף הוא בחיים", נאָר וואָס איז ביי אים נאָך צוגעקומען? – ביי אים איז נאָך צוגעקומען אַזויפיל צענדליקער יאָרן וואָס ער איז געגאַנגען "מחיל אל חיל",

איז דאָך דער דיוק, דער (זר) לשון פון "זרעו בחיים" איז דאָך דאָס אַ לשון פון תורת אמת, איז דאָך דאָס מדוייק אין אַלע פרטים ופרטי-פרטים –

זעט מען, אַז בשעת אַ מענטש איז באמת לעבעדיק, איז (ער) ניט דער פירוש, אַז ביי אים לעבעדיק די **קאָפּ**, און די האַרץ **שלאָפט** חס ושלום, ועל דרך זה אַז [ס'איז] לעבעדיק אַ **טייל** פון דעם קערפּער, און די איבעריקע טייל איז "פאַרשלאָפן", אָדער על-כל-פנים ניט לעבעדיק ווי ער **דאַרף** זיין לעבעדיק, איז ניט דאָס איז דער ענין פון "זרעו בחיים".

און ווי אָנגעזאָגט געוואָרן אין תורתנו, תורת חיים, [וואָס דאָס איז דאָך דער אָפּטייטש "תורת חיים" - אַ שטענדיקע אָנווייזונג אין טאָג-טעגלעכן לעבן], אַז ס'דאַרף זיין "**תמים תהי'**", און מ'דאַרף זיין "ושמרתם את נפשותיכם", אַז די אַלע אברים און די אַלע גידים, (און) [וואָס דאָס איז דאָך כולל אַלע מעגלעכקייטן וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן], זאָל יעדערע פון זיי און אַלע צוזאַמען זיין אין אַן אופן פון אמת'ע לעבעדיקייט.

וואָס אמת'ע לעבעדיקייט איז, כאמור לעיל, אַז מ'שטייט ניט אויף אַן אָרט, נאָר מ'האַלט אין וואַקסן און שטייגן,

וואָס דאָס איז דאָך אַ סימן פון "עץ השדה", אַז ער איז צומח מקטנות לגדלות, און אַז ער דערגרייכט שוין די "גדלות ראשון" – איז ער דערנאָך צומח נאָך צו אַ גרעסערע גדלות,

ביז ווי מ'זעט דאָס, ובפרט אין דער מדינה, אַז ס'איז דאָ בוימער וואָס זיינען נאָך געוועזן אין זמן פון מתן-תורה, און אף על פי כל ברענגען זיי נאָך אויך איצטער פירות און עלים – בלעטלעך – וכיוצא בזה,

על אחת כמה וכמה, אויב דאָס איז אַזוי באַ **צומח** – דאַרף דאָך זיכער אַזוי זיין באַ מין החי און באַ מין המדבר; ס'דאַרף זיכער אַזוי זיין ביי "אדם" – "אדמה לעליון", ביי אידן וואָס (זיי זיינען) מ'פאַרלאַנגט פון זיי, אַז זיי זאָלן זיין "עם

חכם ונבון" אין טאָג-טעגלעכן לעבן, ניט נאָר (ווען) אין אַן אויסנאַמס-צייט, ביי אַן אויסנאַמס-פאַל, נאָר אין אַ טאָג-טעגלעכן לעבן,

וכאמור – אין אַן אופן פון "**תמים תהי'**", אַז ניט חס ושלום אַ בעל-מום, רמ"ז אברים זיינען ביי אים לעבעדיק, און איין אבר שלאָפט און איז ניט "פעיל" – ניט אַקטיוו – אין מילוי תפקידו פון דעם אבר,

ובפרט נאָך ווי מ'זעט דאָס בפועל, אַז ווען קען די קאָפּ אַרבעטן מיטן גאַנצן פאַרנעם – ווען אַלע אברים זיינען יעדערע פון זיי לעבעדיק במקומו און אין ממלא-זיין – אין ערפילן – דעם תפקיד וואָס דער אבר דאַרף טאָן אַלס אַן אבר פרטי,

איז אָט **דעמאָלט** דוקא די אברים כלליים, (ווי ראש) ווי מוח ולב, קענען ממלא-זיין זייער תפקיד מיט דער שלימות, מיט דער גאַנצער לעבעדיקייט און פולקאָמענהייט - ווען אַלע אברים זיינען ביי אים בחיים.

וואָס דאָס איז דאָך אויך, ווי מ'געפינט דאָך יעדער זאַך שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ דין און אין אַ הלכה אין "תורת חיים", וואָס זי דאַרף דאָך זיין די "תורה אור" – באַלייכטן אַ אידן דעם וועג אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן אין אַלע פרטים,

איז דאָך דער דין אַראָפּגעבראַכט אין שולחן-ערוך, אַז "כל מעשיך" דאַרפן זיין "לשם שמים":

נאָך דערוף ווי מ'לערנט אין די מערערע סימנים לפני זה, ווי אַזוי אַ איד דאַרף זיין "לשם שמים" און "כעבדא קמי מרי'" גלייך ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף – אין **התחלת** פון שולחן-ערוך חלק אורח חיים, און דערנאָך בשעת התפילה, און בשעת "הולך מבית הכנסת לבית המדרש", בשעת דעם לימוד התורה – איז דערנאָך קומט מען, אין מערערע סימנים לאחרי זה, און מ'גיט אַרויס די הוראה כללית, אַ "סך-הכל", אַז "כל מעשיך" דאַרפן זיין "לשם שמים" ו"בכל דרכיך דעהו"!

וואָס דאָס ווערט טאַקע אָנגערופן "מעשיך": מ'קען אים ניט זאָגן, אַז דאָס איז אַ מצות-עשה מן התורה אָדער מדרבנן, אָדער על-כל-פנים אַ מנהג ישראל; וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז "מעשיך", מ'האָט דאָס אָפּגעגעבן אין זיין רשות, אַז ער זאָל טאָן אָט די מעשה, "ובכל דרכיך", ער זאָל גיין אין דעם וועג – איז אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס איז מיט אַ כוונה און מיט אַ תכלית און מיט אַ תועלת בזה,

וואָס די תועלת בזה איז פאַרבונדן דערמיט וואָס יעדער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן – ווי די משנה זאָגט – "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני", ער איז באַשאַפן געוואָרן "לכבודו", "לשם שמים", און וויבאַלד אַז מ'האָט אים באַשאַפן אין אַן אופן, אַז ער האָט "מעשיך" און ער האָט "דרכיך" – דאַרף ער זען, אַז אויך זיי זאָלן דורכגענומען ווערן מיט דער זלעבער שליחות, מיטן זעלבן "שימוש לקונו", אף על פי וואָס כאמור לכאורה איז דאָס דברי הרשות – דאָס איז "מעשיך" און דאָס איז "דרכיך".

וכאמור, ווי מ'זעט אין "מעשה רב" בפועל, אַז ווען איז בשלימות דער מילוי תפקידו העיקרי, אָדער ווי די דוגמא אין גוף: ווען אַרבעט די **קאָפּ** (מיט דער בשלימות און די **האַרץ** בשלימות? – ווען אַלע אברים פון דעם גוף איז יעדערער פון זיי אַ שלם אין **זיין** תפקיד, וואָס זיין תפקיד איז גאָר אַן אַנדערער לגמרי פון דעם תפקיד פון דעם ראש און דעם לב,

ביז וואַנענט ציפּרניים פון רגליו, די נעגל פון זיינע פיס, וואָס דאָס איז דאָך די נידעריקסטע בגשמיות און וואו ס'איז דאָ אַמווייניקסטנס חיות, אין ציפּרנים בכלל, על אחת כמה וכמה ציפּרניים (בעקב) ברגל, וואָס ווי מ'זעט דאָך, אַז מ'קען זיי שניידן און מ'פילט גאָרניט – עד כדי כך איז דאָרט דער חיות בצמצום,

אָבער בצמצום דאַרף דער צמצום אויך זיין אין דער דער פולסטער מאָס, אָנגעפילט מיט לעבעדיקייט,

וואָס דערפאַר איז דאָך דער גידול הציפּרניים און גידול השערות איז דאָס אַ סימן, אַז דער ולד איז בשלימות, אַ "בר קיימא",

ועל דרך זה אויך פאַרשטאַנדיק, בשעת ער וואַקסט שוין איז דאָך אויך דעמאָלט דאָ די תפקידים וואָס דאַרף געטאָן ווערן דורך יעדער חלק פון דעם גוף, אויך דורך חלק פון ציפּרניים און שערות,

ווי מ'זעט דאָס אין דער מצוה פון נזיר, ועל דרך זה אין דער מצוה פון נטילת ציפּרנים ושערות בערב שבת קודש, וואָס דעמאָלט איז ער מקיים דערמיט אַ מצוה פון כבוד שבת, אַז ער זאָל נכנס זיין לשבת דאין אַן אופן נאה, כמבואר בשולחן-ערוך.

ועל דרך זה אויך **ברוחניות** הענינים, אַז יעדער מענטש האָט דאָך זיך פאַרשידענע מעגלעכקייטן – דאַרף ער וויסן זיין, אַז אפילו ווען ער איז מקיים

זיין תפקיד העיקר **בשלימות**, באַפרייט דאָס אים ניט, אַז אין די איבעריקע תפקידים שלו קען ער זיין ממלא-זיין אין אַן אופן פון "מהיכי תיתי" און פון יוצא-וועגן וכיוצא בזה,

זאָגט אים אָן תורה, אַז "כל מעשיך לשם שמים" - אָן דערויף הענגט-אָפּ אַז דער **הימל** זאָל זיין ווי ס'דאַרף-צו-זיין, דאַרף אַ איד - אַ מענטש – דאָ למטה פירן זיך אין אַן אופן, אַז "מעשיך" זאָלן אויפהאַלטן און צוגעבן אין קידוש השם, אין דעם ענין פון "שם שמים" און דעם ענין פון "דעהו".

וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז די וואָס האָבן צוטאָן ניט נאָר מיט אידן, נאָר אויך מיט ניט-אידן, אָדער תפקידם איז גאָר, אַז בעיקר האָבן זיי צוטאָן מיט **ניט-אידן**, אָדער בעיקר האָבן זיי צוטאָן מיט אַזעלכע מענטשן וואָס זיי פירן זיך אויף **שלא** כרצוי –

האָט ער די הייליקע שליחות, אַז ס'זאָל זיין דער "כל מעשיך לשם שמים", אַז אָט די אויף וועלכע ער קען האָבן אַ השפעה באיזה אופן שיהי', זאָל ער פון זיי אויפמאַכן, אַז זיי זאָלן זיין אין וועלט אין אַן אופן פון "לשם שמים".

און וויבאַלד אַז דאָס ווערט **פאַרלאַנגט** פון אים – איז אַ זיכערע זאַך, אַז מ'האָט אים געגעבן די פולסטע מעגלעכקייט ער זאָל דאָס קענען דורכפירן **בפועל**.

וואָס אַזוי איז אויך, ווי גערעדט מערערע מאָל, אַז בשעת מ'געפינט זיך אין אַ מלכות חסד, אין אַ מדינה וואָס אַ איד קען זיך פירן אין אידישקייט, אין טאָג-טעגלעכן לעבן, און  קיינער שטערט אים ניט, ואדרבא – מ'איז אים נאָך **מסייע**.

האָט ער אין זיך דעם תפקיד אויף אויפטאָן צווישן אידן אין אַן אופן פון הולך ומוסיף ואור, זיך ניט באַגנוגענען דערמיט וואָס נעשה "צדיק גמור", וואָס ער פירט זיך ווי אַ צדיק גמור, און **איז** אַ צדיק גמור, האָט ער אויך זיך דעם תפקיד, ער זאָל האָבן – ווי געזאָגט אין הלכות תלמוד תורה - אַז אַ חכם איז מחוייב מלמד תורה זיין כל אחד ואחד מישראל, צו וועלכן ער קען נאָר דערגרייכן,

ועל דרך זה אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו הפצת היהדות, התורה ומצוותי' בכלל,

(על דר ובמי) על דרך זה אויך בהנוגע צו דעם **פרט** אין תורה, אַז מ'דאַרף זיך מתעסק זיין ב"ישובו של עולם", אַז ס'זאָל זיין "לא **לתוהו** בראה אלא **לשבת** יצרה", וואָס דאָס איז דאָך אויך כולל די שבעים אומות,

איז דאָך דער דין און די מצוה, ווי געֶרעדט מערערע מאָל, אַז אַ איד דאַרף טאָן כל התלוי בו, אַז ס'זאָל זיין דער קיום פון די אַלע מצוות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט "ישובו של עולם", מיט "**לשבת** יצרה", וואָס זיי ווערן אַלע נכלל (אין די שבעים) אין די זיבן סוגים כללים פון די שבע מצוות בני-נח, מיט אַלע זייערע סעיפים,

און מיט דער הדגשה, אַז דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס ס'דאַרף זיין פריער "נשמע" און דערנאָך "נעשה": פירער וועט ער דאָס פאַרשטיין מיט זיין **שכל**, דער בן-נח, און דערנאָך ערשט וועט ער מקיים-זיין דעם "לא תגנוב" ו"לא תגזול" וכיוצא בזה –

זאָגט מען, אַז ער דאַרף דאָס קיים-זיין, פונקט אַזוי ווי אידן זיינען מקיים די איבעריקע מצוות, תרי"ג מצוות, בהקדמת "נעשה" ל"נשמע" - אַזוי איז אויך אַ בן-נח דאַרף מקיים-זיין דערפאַר וואָס אַזוי האָט דער אויבערשטער איבערגעגעבן דורך משה'ן, און דערנאָך איז "מורשה קהילת יעקב", אַז יעדער איד האָט די שליחות, עד מקום שידו מגעת, פאַרשפרייטן און איינווירקן אַרום זיך, אַז ס'זאָל זיין דער "לשבת יצרה",

מיט דער הדגשה, אַז דאָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון בורא עולם ומנהיגו, וואָס ער איז דער איינציקער וואָס ווייס בשלימותו וואָס ס'איז דער אמת'ער טוב פאַר יעדער מענטשן און פאַר אַלע מענטשן, ובכל עניניהם,

און האָט זיי ניט געלאָזט "בלאָנדזשען אין דער פינסטערניש", האָט ער געגעבן "תורה אור" - אַ ליכטיקע תורה, און האָט אין איר אָנגעוויזן די אַלע מצוות און די הוראות, כולל אויך די שבע מצוות פון "לשבת יצרה",

ביז וואַנעט אַז אויף יעדער פרט פון אַ הנהגה פון אַ בן-נח קען מען געפינען אַ **הלכה ברורה** ווי אַזוי ער דאַרף זיך פירן ביי אַ מעמד ומצב מסויים,

ביז וואַנעט ווי תורה פסק'נט אָפּ, אַז "דינא דמלכותא דינא": ווען דאָס האַנדלט זיך וועגן אַ "מלכותא" פון אומות-העולם – גיט מען דאָס אַ תוקף פון אַ דין אין שולחן-ערוך, אַז דאָס איז "דינא **דמלכותא**" ווערט דאָס אַ דין אין שולחן-ערוך, וויבאַלד אַז דאָס רירט ניט אָן און חס ושלום דאָס שטערט ניט

צו לימוד התורה וקיום מצוותי', נאָר אדרבא – דאָס איז נאָך **מסייע בזה**, וויבאַלד אַז מ'איז מוסיף אין דער **מנוחה** בעולם און **שלום** בעולם, "והתפללו אל שלום העיר כי בשלומה לכם שלום".

קומט דאָס צו אין כל העולם כולו, איז דאָס אויך נכלל אין זיין שליחות, ובפרט אויף טאָן אין דעם אויך בהקדמת "נעשה" ל"נשמע" בהנוגע צו זיך אַליין, (און אין דערויף) און בנוגע צו די אויף וועלכע מ'קען משפיע זיין דורך באַווייזן אַ לעבעדיקןביישפּיל, צוזאַמען מיט "דברים היוצאים מן הלב" – דיבור אין אַזאַ אופן וואָס דעמאָלט איז "נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם".

און אָט דעמאָלט ווערט פאַרגערעסערט דער ענין פון צדק ויושר בעולם כולו, וואָס דאָס ברענגט אויך אַראָפּ דעם אמת'ן **שלום** בעולם, און דעם שלום אַן ענין פון שלום של קיימא.

וואָס דאָס ווערט דאָך אויך, ווי געזאָגט בהנוגע צו דעם ערשטן גלות וואו אידן זיינען געווען (אין ארץ מצרים), וואָס דאָס איז דאָך געווען דער גלות אין ארץ מצרים, אַז נאָך זייענדיק דאָרטן, "במושבותם", איז געווען "לכל בני ישראל הי' אור" – זיינען זיי געשטאַנען אין אַ ליכטיקייט, די ליכטיקייט וואָס ס'האָט זיי אָנגעוויזן משה רבינו, דער נשיא פון יענעם דור, דער "רעיא מהימנא" **באותו** הדור,

ועל דרך זה ווי נשיאי ישראל ווייזן-אָן יעדער אידן און אַלע אידן, כל נשיא בדורו, ביז נשיא דורנו, דער בעל ההילולא,

וואָס דאָס איז געווען דער סימן, און דאָס האָט געמאַכט דער "ויהי בשלח פרעה את העם", ווי די פרשה פון היינטיקע וואָך, אַז פרעה העלפט אַרויס **אידן**, אַז זיי זאָלן גיין צו הר סיני מקבל זיין תורה, (און לאחרי זה) "תעבדון את האלקים על ההר הזה", ולאחרי זה – "והבאתי אתכם אל ארץ" וואָס זי איז "מורשה" לבני ישראל.

וואָס על דרך זה איז בכל גלות וגלות, כולל ובמיוחד צו דעם גלות האחרון, [וואָס די גאולה פון **דעם** גלות איז דאָך אַ גאולה שאין אחרי' גלות, אַ גאולה אמיתית],

אַז נאָך אין די לעצטע טעג פון גלות געפינענדיק זיך אין אַ משטר, אין אַ מעמד ומצב, וואָס מ'קען זיין "אור במושבותם" – פירן זיך לויט "תורה אור" און לויט "נר מצוה" מיטן גאַנצן פאַרנעם און מיט די גאַנצע שטאַרקייט און

מיט די גאַנצע לעבעדיקייט, האָט מען נאָך זייענדיק אין גלות "אור במושבותם",

און מ'גרייט זיך צו די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

וואָס דעמאָלט וועט דאָך אויך זיין "אהפוך אל (כל ה)דעמים (כולם) שפה ברורה", אַז מ'האָט צוגעגרייט די פעלקער נאָך אין זמן הגלות, אַז זיי זאָלן אויך טאָן כל התלוי בם "לעבדו (כולם) שכם אחד", וואָס דאָס וועט זיין בביאת משיח צדקנו **בשלימותו**, און מ'גרייט-צו אַז מ'זאָל זיך דערצו **צוגרייטן** אין אַן אופן המתאים,

ובכללות, ווי געזאָגט פריער, אָט דעמאָלט ווערט מען אַ "תמים תהי'", אַז מ'ווערט גאַנץ "בכל מעשיך" ו"בכל דרכיך", וואָרום מ'איז – ווי כהמשך הכתוב – "עם הוי' אלקיך": מ'פירט זיך לויט ווי דער אויבערשטער האָט אָנגעוויזן,

און ווי דער אָפטייטש אין שולחן-ערוך, אַז "הוי'" איז דאָס פון לשון מהוה – וואָס ער האָט דיר געמאַכט פאַר אַ ברי', און ער האָט דיר געמאַכט פאַר אַ מציאות, (חסר משהו בסרט הקלטה) [אל]יך" – כל הכוחות כולם, ובעל היכולת, אַז ער גיט דיר כח אין די אַלע ענינים וואָס דו טוסט, און דו ביסט "תמים . . עם הוי' אלקיך",

אָט דעמאָלט ברענגט דאָס אַראָפּ די "תמימות" – די גאַנצקייט – אין פּערזענלעכן לעבן אַלס אַן איש **פרטי**, דורך דערויף וואָס ער איז ממלא תפקידו אַלס אַ **משפיע** און אַלס אַ **מדריך** און אַלס אַ מורה-דורך און אַן עסקן ציבורי, כל אחד ואחת לפי היכולת שלו.

און דאָס גרייט-צו אים, און ס'איז ממהר און היילט-צו דער כל העולם סביבו, אַז בקרוב ממש ווערט דער "ובני ישראל יוצאים ביד רמה",

און ס'ווערט – ווי דערמאָנט פריער דער שיעור פון היינטיקן טאָג – "אז ישיר משה ובני ישראל", ווי די גמרא איז מסביר, אַז "שר משה" לא נאמר, נאָר "**ישיר** משה",

אַז כל נשיאי ישראל, אָנהויבנדיק פון "רעיא מהימנא", משה רבינו, וכל הנשיאים שלאחריו, וואָס יעדער תלמיד-חכם ווערט דאָך אָנגערופן בשם "משה", ווי דער אַלטער רבי ברענגט אַראָפּ מיט די ראיות בדבר פון **נגלה**

דתורה, על אחת כמה וכמה ווי דאָס ווערט מוסבר און ערקלערט אין **פנימיות** התורה, אין "נשמתא דאורייתא",

ווי פאַרשטאַנדיק אויך בפשטות, אַז זיי זיינען דאָך "מוסמכים איש מפי איש" און "נשיא מפי נשיא" ביז דעם ערשטן נשיא, "ויהי בישורון מלך",

וואָס דעמאָלט קומט דאָס אַרויס בפועל און מ'זעט דאָס בעיני בשר, אָנהויבנדיק פון "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" על ידי משיח צדקנו,

"ותחזינה עיננו" אין דעם "הקיצו ורננו שוכני עפר", אַז מ'וועט זען ווי אַזוי ס'קומט די שירה העשירית, דער "ישיר משה ובני ישראל את השיר הזאת לאמר" – איבערזאָגן דאָס יעדער טאָג אין דאַוונען, ביז וואַנענט מ'זאָגט דאָס צוזאַמען מיט משה וכל ישראל פון כל הדורות כולם ביחד, ובשמחה ובטוב לבב,

ובמהרה בימינו ממש.

לחיים.

ניגנו את הניגון "הוא אלקינו", תוך כדי שכ"ק אד"ש עונה "לחיים ולברכה" ומדבר עם אנשים פרטיים. למישהו שביקש ברכה עבור אשה שנכנסה לחודש התשיעי להריונה: זאָל זיין בשורות טובות. בהמשך עודד כ"ק אד"ש את הנגינה.

## שיחה ג:

וואָס כל האמור לעיל, דאָס אַלץ וואָס ס'האָט זיך גערעדט פריער, איז דאָך דאָס באַ יעדער הילולא פון יו"ד שבט, מידי שנה בשנה – איז דאָס אַ צד השוה בכולם,

ס'איז דאָך אָבער דאָ זיכער, אין יעדער ענין איז דאָ אַ הוראה מיוחדת לויט די פרטים פון דער זאַך אין וועלכע ס'איז **ניט** גלייך מיט אַנדערע יאָרן,

וויבאַלד אַז מ'האָט דאָס באַוויזן אַ מענטשן – איז דאָך כתורת הבעל שם טוב הידועה, איז דאָס ניט חס ושלום לבטלה, וואָרום "לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה", איז דאָס כדי אָנצואווייזן אים נאָך אַ הוראה ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטן נאָכמערער בכמות און נאָך בעסער באיכות.

על דרך זה אויך, אַז ס'איז דאָ אַ קביעות מיוחדת און ס'קומט אַ מספר שנים מסויים לאחרי פון ווי ס'האָט פּאַסירט דער מאורע בפעם הראשונה פון דער הילולא – איז זיכער אין דערויף אויף דאָ אַ הוראה פון וועלכע מ'קען זיך אָפּלערנען אין תכלית הבריאה שלו, וואָס דאָס איז "לשמש את קונו", כמדובר לעיל,

וואָס בשנה הזו ווערט דאָך צוויי און דרייסיק יאָר זינט עשירי בשבט אין שנת תש"י, וואָס דעמאָלט איז געווען די הילולא בפעם הראשונה.

וואָס בשעת מ'דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז ל"ב שנה על פי תורת אמת, וואָס צוזאַמען דערמיט איז דאָס אויך תורת חיים, אַ הוראה אין לעבן ווי אַזוי צו לעבן על פי "נר מצוה ותורה אור" אין חיים הראויים לשמם –

איז אף על פי וואָס לכאורה איז דאָך דאָס מערניט ווי אַ צאָל, וואָס אַ **צאָל** פון זאַכן גיט דאָך ניט אַרויס דעם **תוכן** פון דער זאַך; ס'קען זיין צוויי און דרייסיק יאָר אָדער חדשים אָדער טעג, אָדער חפצים וכיוצא בזה –

אָבער בשעת מ'רעדט וועגן אַן ענין וואָס חזר'ט זיך איבער מידי שנה בשנה אחת בשנה, איין מאָל אַ יאָר – איז בשעת דאָס קומט (אין אַ) און ס'גייט-דורך ל"ב שנה, איז דאָך זיכער, אַז דאָס האָט אין זיך אויך אַ רמז,

און ווי מ'געפינט כמה ענינים בתורה, און פון די "מדות שהתורה נדרשת בהם", ל"ב און מ"ב מדות וכו', איז דאָך אויך דאָ דער ענין **המספר**, וואָס מ'לערנט דאָך אָפּ ביז **הלכות**, ווי בנוגע צו נזיר, אַז "יהיה" בגימטריא שלשים,

ווייס מען דערפון און מ'לערנט אָפּ דערפון, אַז ימי נזירות – "יוסף נזיר אחיו"[1] – איז דאָס שלשים יום, וכיוצא בזה בכמה מקומות בתורה.

וואָס בשעת מ'זאָגט ל"ב – איז דער ערשטער געדאַנק וואָס קומט דערביי איז, אַז דאָס איז "לב": דאָס האָט אין זיך אויך אַ פּירוש וואָס דאָס איז "לב".

וואָס איז דאָך פאַרבונדן מיט חיים, וואָס דאָס איז דאָך פון די "תלת שליטין אינון", ובפרט נאָך (וואָס) דער לב וואָס דאָרט איז דער **פנימיות** החיים, כמדובר כמה פעמים אין מעלת הלב אפילו על המוח שבראש, ביז ווי דער ענין איז אויך אין הלכה.

וואָס דאָס האָט דאָך אויך אַ שייכות מיוחדת מיט אַ נשיא בישראל, וואָס ער איז דאָך דוגמת **מלך** בישראל, ווי דער רמב"ם פסק'נט אָפּ אין הלכות מלכים, אַז אַ מלך איז דאָס "**לב כל ישראל**".

וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין וואָס דער נאָמען איז דאָך (אַזוי אַרויסגעגעבן) אָנגערופן אַזוי אין לשון-הקודש, וכתורת הבעל שם טוב, אַז "שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש" איז דאָס **באַשאַפט** די זאַך און דאָס גיט אַ **קיום** דער זאַך און דאָס איז **מחי'** די זאַך, איז די אותיות "לב", איז על דרך זה בהנוגע לפעולתן מיט אַ לב בפשטות.

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט **תורה**, וואָס זי איז דאָך "היא חיינו ואורך ימינו", איז דאָך "נעוץ תחילתן בסופן וסופן בתחילתן", און ווי ס'שטייט אין כמה ספרים במיוחד בהנוגע לתורה, אַז בשעת מ'איז **מסיים** תורה, איז מען מסיים מיט "לעיני כל ישראל", וואָס דאָס איז אַ **למ"ד**, און דערנאָך דאַרף זיין גלייך – ווי מ'זאָגט אין "רשות" פון שמחת תורה – אַז מ'זאָל סומך זיין, **תוכף** זיין – תי"ו ו"ו כ"ף לאַנגער-פ"א, מסמיך זיין – סופה לתחילתה, "בראשית ברא אלקים", בשעת ס'איז "נעוץ סופן בתחילתן" שטעלט זיך אויס דער וואָרט "לב".

וואָס דער איז דאָך דער מלך פון יעדער אידן און אַלע אידן, (וואָס דבר) וואָס "אמר מלכא עקר טורא", אַז בשעת ס'שטייט אַ זאַך אין תורה מוז מען איר מקיים זיין, וואָרום "מאן מלכי רבנן": דערמיט וואָס זיי גיבן אַרויס די

1) מרמז בזה לשמו הראשון של בעל ההילולא.

החלטה פון תורה ווערן זיי אָנגערופן בשם "מלך", וואָס דאָס איז **בגוף** האדם, ועל דרך זה **ברוחניות** האדם – דער ענין פון דעם לב.

וואָס דאָס איז מעורר נאָכאַמאָל בהנוגע צו די אַלע הוראות פון דעם בעל ההילולא, וואָס "לבו כלב כל ישראל", (כמובן) כמדובר לעיל, **בכלל**,

בפרט אַז ס'גייט דורך, און מ'דערמאָנט זיך און מ'איז זיך מתבונן, אַז ס'איז די שלימות פון "לב" שנים – איז דאָס נאָכמער מדגיש – דורך דעם רמז – די התקשרות וואָס אַלע "אברים" האָבן צו דעם "לב", ווי מ'זעט דאָס **בפשטות**;

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי בפשטות ובגשמיות? – דערפאַר וואָס "נשתלשלו מהן" – אַזוי איז דאָס אין דער נשמה, איז דאָס בדרך ממילא אויך אַזוי אין דעם גוף. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי אין נשמה? – דערפאַר וואָס אַזוי איז דאָס אין "היא חיינו ואורך ימינו", אין תורה,

איז בשעת מ'דערמאָנט זיך **בהדגשה** בדבר זה – פועל'ט דאָך דאָס זיכער אַ הוספה אין דעם חיות פון דעם "אבר", אין דעם פרט וואָס דערמאָנט זיך אין דעם, וואָס דערנאָך פאַרבינדט ער זיך נאָך שטאַרקער מיטן "לב",

ווי דער מחזור הדם בגוף, ווי דער אַלטער רבי ברענגט דאָס אַראָפּ אין אגרת הקודש, אַז כדי דער לב זאָל זיין אַ בריא דאַרף זיין דער מחזור הדם בכל האברים – גייט דאָס מן הלב אל האברים, און דערנאָך דאַרף זיך דאָס אומקערן מן האברים אל הלב, און אומקערן זיך פון אַלע אברים אין אַן אופן פון "**תמים** תהי'", אין אַלע פרטי האברים – איז אָט דעמאָלט איז דאָס אַ לב בריא, און אַ גוף בריא בגשמיות, דערפאַר וואָס דאָס איז לב בריא און אַ גוף בריא ברוחניות.

וואָס כאן איז אויך המקום לעורר נאָכאַמאָל, אַז וויבאַלד אַז מ'האָט מסיים-געווען די ספר-תורה הראשונה **דאָ**, וואָס מ'האָט איר מסיים געווען מיט דעם למ"ד פון "ישראל", און גלייך (אָנגעהויבן) מסמיך געווען און אָנגעהויבן די כתיבת ספר-תורה שלאחרי' מיטן אות בי"ת פון "בראשית",

איז כאן המקום לעורר נאָך אַמאָל אויף דעם ענין הכי חשוב והכי אַן ענין שהזמן גמרא ביותר וביותר, וענין הכי יקר, פאַרבונדן מיט "מחי' חיים", מיטן נותן התורה וואָס ער איז אויך דער "מחי' חיים" בפשטות,

אַז יעדערער זאָל זען, נוסף אויף דערויף וואָס **ער** האָט אַן אות בספר תורה, זאָל ער אויך זען די אַלע וואָס מאיזו סיבה שתהי' האָבן זיי נאָך **ניט** קיין אותיות

אין איינע פון די ספרי-תורה, אַז זיי זאָלן קונה-זיין – ב"חיי נפשו" – אַן אות בספר-תורה, אין וואָס פאַר אַ נוסח; [צי??] זיין נוסח, וואָס אַלע נוסחאות איז דאָך – ווי דער אריז"ל זאָגט – איז "ממקום קדוש יהלכון" וכולם יש להם שורש, און וואָס דערפאַר איז ער מפליא אין דעם ענין פון נוסחאות שונות – אף על פי וואָס ער האָט דאָך אויך אַרויסגעגעבן דעם נוסח האריז"ל,

זאָל זיין אויך (אַז) זען, אַז יעדער איד זאָל האָבן אַן אות (בתור) אין איינע פון די ספרי-תורה, וואָס דאָס פאַרבינדט אַלע אידן צוזאַמען אין **דער** ספר-תורה, און דורך דער ספר-תורה אין וועלכע ער האָט דעם אות – מיט **אַלע** ספרי-תורה, ביז – מיט דער ספר-תורה הראשונה וואָס משה רבינו האָט געשריבן און מסיים געווען ווען ער האָט געזאָגט דעם "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ללמדה",

און וואָס אָט דעמאָלט גייט מען אַרויס מיט די אַלע ספרי-תורה אין ארץ הקודש, וואָס דאָרטן לערנט מען תורה מפיו של משיח, תורתו של משיח, (ולפני זה)

וכמדובר ומרומז, אַז דער (סיו) "נעוץ סופן בתחילתן" איז דאָס דער למ"ד פון דעם וואָרט "ישראל", וואָס ישראל איז ווי ס'שטייט דאָך אין ספרים, דערמאָנט כמה פעמים, "יש ששים ריבוא אותיות לתורה", איז אין דעם וואָרט גופא איז מען מסיים (אין דע) מיטן אות למ"ד, וואָס דאָס איז כאמור אין דעם ראשי-תיבות (באַט... איז ער ד) מיינט ער אַ ראשי-תיבות פון דעם וואָרט "לתורה".

און דערנאָך גייט מען אַריבער גלייך צו דעם בי"ת פון "בראשית", וואָס דאָס גייט דאָך אויף די ראשית פון כל ההתהוות כולה פון דער גאַנצער בריאה, דעם גאַנצן סדר השתלשלות,

און דער סדר איז, אַז פריער האָט מען דעם "לתורה" – דעם למ"ד פון תורה, דערנאָך איז דער "אסתכל באורייתא וברא עלמא" – קומט מען צו דעם בי"ת פון "בראשית", און ס'ווערט דער "ברא עלמא" לויט דעם למ"ד פון "לתורה",

פונקט ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה וואָס קוב"ה – ווי ער זאָגט אין בראשית רבה בתחילתה – איז "אסתכל באורייתא **וברא** עלמא", אָט אַזוי אויך, ווי ער זאָגט אין זהר, איז "כך בר נש **דעסיק** בתורה" איז ער **מקיים** עלמא,

ביז ווי דאָס קומט אַראָפּ בפשטות, אַז ער האָט אַן אות אין ספר-תורה, במילא העלפט דאָס אים אויך אַרויס נאָכמערער, ווי דער בעל ההילולא איז מבאר בארוכה אין דעם מאמר פון שמחת-תורה פון תש"ו, ווי געדעדט כמה פעמים, אַז דער אות זיינער אין תורה גיט אים חיות און כח, און דאָס ווערט אַ "כוס של ברכה" בכל המצטרך לו.

און אַזוי איז ער דערנאָך אויך משפיע די אַלע צו וועלכע ער קען דערגרייכן, כולל אויך אָט די אויף וועלכע ער האָט משפיע געווען, אַז זיי זאָלן האָבן אַן אות אין דער ספר-תורה,

ובקרוב ממש וועט מען פאַראייניקן **אַלע** אידן, כולל אויך די אידן וואָס געפינען זיך "מאחורי מסך הברזל", ווי ס'ווערט אָנגערופן בלשון העולם, אָבער תורה איז מסביר, אַז "אפילו מחיצה של ברזל אינה (מפסיקה) [מפסקת] בין ישראל לאביהם שבשמים",

ובפרט אַז מ'פאַרבינדט דאָס מיט אַ כתיבה כפשוטה, מיט דיו גשמי על קלף גשמי, על ידי סופר נשמה מלובשת בגוף, וואָס ער איז כותב בידים ובאצבעות גשמיים, וואָס אָט דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך אַז דאָס האָט אַ קיום, און – אַ קיום ווי אַ קיום פון דער **תורה**, וואָס דאָס איז אַ קיום **נצחי** און אַ קיום **אמיתי**, "אמת לאמיתתו", (וואָרום דאָס איז רצונו) וואָרום דאָס איז תורתו של הקב"ה,

קומט דאָס אויך אַראָפּ **בפועל**, כלשון פון דעם נביא וואָס דאָרט איז ער מסביר ווי אַזוי ס'וועט קומען דער "קץ הימין", אין דניאל, איז דער תחילת הפרק הקאַפּיטל, אַז ס'וועט זיין "ימלט עמך כל הנמצא כתוב בספר", כפירוש הראשונים – ב"ספרו" של הקב"ה, איז דאָך אויך דער רמז, [אַז] ער האָט אַן אות אין דער תורה, וואָס "תורה מגינה ומצלא",

איז ניט קוקנדיק וואָס פאַר אַ צייט ס'איז, און אין וואָס פאַר אַ מעמד ומצב ער איז געווען מיט אַ רגע לפני זה – ווערט ער אין אַן אופן, אַז מיכאל שר הגדול איז **מגין** אויף אים און **מציל** אים, און ער גייט בראש כל בני ישראל,

און נאָכמערער – משיח צדקנו בראשנו, און נאָכמערער – ווי די גמרא זאָגט "ושב הוי' אלקיך את שבותך", "והשיב" לא נאמר, נאָר "ושב", אַז דער אויבערשטער אַליין גייט מיט יעדער אידן און ער אַליין קלייבט אים אַרויס, "תלוקטו לאחד אחד", קלייבט אַרויס יעדער אידן בפרט, און גייט מיט אים צוזאַמען אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ובמהרה בימינו ממש,

און אין אַן אופן, אַז דאָס איז אַ **תורה בשלימותה**, וואָרום דאָס איז פאַרבונדן און מ׳האָט דעם **עם ישראל בשלימותו**, ״בנערינו ובזקננו בבנינו ובבנותינו״, וואָרום דאָס איז פאַרבונדן מיט ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״ – זיי האָבן דעם זעלבן **לב**;

ניט קוקנדיק וואָס דאָס איז ״נערינו״ און דאָס איז ״זקנינו״ וכיוצא בזה – גייען אַלע צוזאַמען, **ובשלימותם**, אין **ארץ ישראל השלימה**, ארץ אשר ״תמיד עיני הוי׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה״,

און מ׳גייט בשמחה ובטוב לבב, ווי אויך דער שיעור פון תהלים פון עשירי בשבט, וואָס פאַרענדיקט זיך אויך מיט אַן ענין פון שירה וזמרה: אף על פי וואָס די התחלה רעדט זיך וועגן ענינים פון **גלות** – איז אין דעם זעלבן טאָג איז מען מסיים – ו״נעוץ סופן בתחילתן״ – אַז מ״איז מהפך דעם חושך הגלות אויך לאור, ״והוי׳ יגיה חשכי״,

אַז מ׳גייט אין אַ **ליכטיקן** אופן און אין אַ **לעבעדיקן** אופן און אין אַ **גאַנצן** אופן – שלימות העם, און שלימות התורה, און שלימות הארץ, ובגאולה **השלימה**,

במהרה בימינו, על ידי משיח צדקנו.

לחיים.

ניגנו את הניגון ההקפות של הרבי, תוך כדי שכ״ק אד״ש עונה ״לחיים ולברכה״. בהמשך עודד כ״ק אד״ש את הנגינה.

## שיחה ד'.

וואָס נוסף על האמור אז דער שיעור תהלים פון עשירי בשבט איז פאַרענדיקט זיך מיט דעם ענין פון שירה וזמרה,

גלייך בתחלתו איז דא דער ענין צפון פדה בשלום נפשי, אין סיום פון דעם ערשטן קאפיטל, און דערנאך אין דעם סיום פון דעם גאנצן שיעור אויך דער ענין פון שירה וזמרה,

וואָס דאָס איז דאָך אַ דבר השוה באַ **יעדער** עשירי בשבט – איז נאך אויך דא די הדגשה בשנה זו, וואָס די קביעות איז ביום הרביעי פון פרשה בשלח,

און ווי תורה פון דעם אלטן רבי'ן מיט דעם מנהג וואָס ער האָט קובע געווען, אויף לערנען בכל יום פון פרשת השבוע, וביום הרביעי פון רביעי ביז חמישי,

וואָס דאָס איז דער חלק אין דער פרשה וואו עס רעדט זיך וועגן שירת הים, וועגן שירת משה וכל בני ישראל, וואָס די גאנצע פרשה ווערט דאָך אנגערופן אויך בשם פרשת שירה, און אויך די הפטורה, ווארום סיי אין דער הפטורה און סיי אין דער פרשת השבוע איז דאָך דא נאך ענינים, בפרט נאך לויט דעם מנהג אז מ'הויבט אַן די הפטורה מיט דעם קאפיטל פאַר "ותשר דבורה", אעפ"כ ווערט דאָס אנגערופן די הפטורה ע"ש השירה,

ועד"ז די גאנצע סדרה ווערט אויך אנגערופן בשם "שבת שירה", פרשת השירה. וואָס דאָס איז נאכמער מדגיש דעם ענין כמדובר כמ"פ וואָס דער רבי מהר"ש איז מאריך בכ"מ, אז ס'איז דאָך בשלשה דברים העולם קיים, תורה עבודה וגמ"ח, וואָס דאָס איז דאָך סיי "עולם" כפשוטו, און סיי "עולם קטן זה האדם",

דארפן זיי אלע דריי זיין דוקא בשמחה ובסבר פנים יפות, ווי ער ברענגט דארט די ראיות פון פסוקים ומאמרי חז"ל, אנהויבנדיק פון "עבדו הוי' בשמחה", וואָס בפרט גייט דאָך דאָס אויף תפילה, "איזוהי עבודה שבלב זו תפילה", ס'איז אָבער אויך כולל די כללות נבראתי לשמש את קוני – דער ענין פון "עבדו את הוי'", שמושו לקונו זאל דאָס זיין בשמחה,

און ווי ער ברענגט דארט אויך אראפ בנוגע לתורה, וואָס די גמרא זאָגט אין ברכות און אין שבת אז דער ענין פון לימוד התורה דאַרף זיין אנהויבנדיק מיט

מילתא דבדיחותא, אז מ'הויבט אַן לערנען דוקא מתוך שמחה, "לא מתוך עצבות".

ועד"ז בנוגע צו צדקה, ווי אפגע'פסק'נט אין שו"ע (פון רמב"ם) אז עס מוז זיין בסבר פנים יפות, ניט ח"ו פאַרקערט, און ניט מספיק אז עס זאל זיין ניט אזוי און ניט אזוי – נאר ווי דער לשון אין שו"ע – דוקא בסבר פנים יפות.

[און ס'איז דאָך אַ דבר פלא, אז אין פרקי אבות "הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות" זאָגט דאָס "**ב"ש**", וואָס דערפון פאַרשטייט מען שוין אויף וויפל דאָס דאַרף זיין לדעת הלל.]

וואָס דאָס איז אויך בפשטות, אז ס'איז דאָך דא כמה אופנים ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן, ס'איז אָבער דא דער דרך המלך, דער "עבדו את ה' בשמחה", בשעת מ'איז מוסיף אין שמחה אין די אלע ג' קוים פון תורה עבודה וגמ"ח, וואָס תורה פסק'נט אז עס דאַרף זיין "כל מעשיך" ו"בכל דרכיך" ווערט דאָס אויך אַ טייל פון עבודת ה', פון "לשם שמים" ו"דעהו", דאַרף דאָך דאָס אויך זיין אין אַן אופן פון שמחה.

אט דעמולט ברענגט דאָס ביי אים צו שלימות אין עבודת ה', ווארום שמחה פורץ גדר, אז דאָס איז מבטל און פורץ די גדרים און די הגבלות וואָס עס קען ביי אים זיין מצד די ענינים פון שכל אדער אנדערע חשבונות, ביז מצד בכל לבבך ובכל נפשך, נאר ביי אים איז די עבודה אין אַן אופן פון "בכל מאדך" – אז בכל מדה ומדה איז ער עובד הקב"ה אין אַן אופן פון "ואהבת", מתוך אהבה.

וואָס אט דעמולט איז ווי ער זאָגט אין זהר איז "כגונא" ווי מ'איז עובד ה' בשמחה איז אט דעמולט איז מען אויך מעורר די השפעות מלמעלה אויך בשמחה (סיפור ומכתב הצ"צ – נדפס בספר התולדות ובאגרות קודש), אז עס ווערט אויך פון די חסדים נסתרים ווערט דאָס אויך טוב הנראה והנגלה, "הטוב **לנו** תפתח", (נסמן במכתב כללי דסוכות שנה זו?), אַ טוב אין אַן אופן וואָס ער איז מעורר שמחה.

און בשעת דאָס איז ביי אים פורץ גדר פון זיי הנהגה, אז עס זאל זיין למעלה ממדוה"ג, ווארום ער איז "**ואהבת** את ה' אלקיך", ניט על מנת לקבל שכר וכיו"ב נאר ווי דער רמב"ם איז מבאר באריכה אין הלכות תשובה בסיומן און אין פרק **עשירי** שבהם.

איז אט דעמולט ברענגט דאָס אויך צו די **שלימות**, אז וויבאלד אז ביי אים איז דא זי אלע עשר כחות הנפש בשלימות, וואָס ווען קענען זיי זיין בשלימות – בשעת זיי האָבן אין זיך אויך דעם ענין פון "מאדך", דעם עניטן פון **מקיפים** שבנפש:

אזוי האָט ער דעם ענין פון "די מחסירו אשר יחסר לו", דאָס איז אָבער ניט דער ענין פון עשירות, הויבט ער אַן טענה'ן, אז דאָס אטיז מען ניט מחוייב אתה מחוייב לעשרו –

איז כאמור, דאָס איז ווען ער ארבעט און דינט דעם אויבערשטן מתוך מדוה"ג;

בשעת אָבער ער איז עובד הוי מאהבה, [וכמוזכר לעיל איז דער רמב"ם איז דאָס מבאר אלס אַ **הלכה**, אין ספרו "יד החזקה" וואָס דאָס איז "הלכות הלכות", איז ער עובד הוי' מאהבה – זעט מען בפועל אז בשעת ער איז עובד אוהבו - ] איז אט דעמולט רעכנט ער זיך ניט אויס און מעסט ניט אז וויבאלד ס'איז ניטא אהבו כך ער וועט טאן ניט מערער – דאָס איז היפך ההנהגה פון עבודת ה' לשמה, מתוך אהבה אמיתית,

וואָס דאָס איז דעמולט ווען די עשר כחות הנפש שטייען בשלימות, דורך דעם וואָס זיי זיינען דורכגענומען מיטן רצון אמיתי, און מיט דעם **תענוג** אמיתי, וואָס דעמולט איז אויך די עבודה מיט די כחות פנימיים בשלימותה,

ווי מ'זעט דאָס אויך בפשטות, אז אמת טאַקע אי אתה מחוייב לעשרו, בשעת אָבער ער האָט "די מחסורו אשר יחסר לו", האָט מען דאָך דעם כלל פון תורה אז "מי שיש לו מנה רוצה מאתים", אז ער האָט "די מחסירו אשר יחסר לו" מוז דאָס אים ברענגען ער זאל ווערן אַ "רוצה ארבע מאות", דערפון אויך פאַרשטאנדיק – ווען ער האָט "ארבע מאות",

וואָס אויב דאָס איז אזוי בענינים גשמיים, איז דאָס אזוי אויך בענינים רוחניים, בנוגע צו זיין שקידה והתמדה אין לימוד התורה אין עבודת התפלה און אין גמ"ח, אין "מעשים טובים",

וואָס אט דעמולט האָט ער די עשר כחות פנימיים בשלימותם, ווארום זיי האָבן אויף זיך זייערע כחות מקיפים,

און דורך דערויף וואָס ער שטייט בשלמיות אין די אלע ענינים, וואָס דאָס איז פאַרבונדן דוקא ווען דאָס איז **למעלה** מגדר והגבלה, דורך דערויף וואָס שירה ושמחה איז פורץ גדר, כמודגש אין דעם שיעור פון דער קביעות פון עשירי בשבט בשנה זו,

אט דעמולט איז דאָס מקרב דעם קירוב היעוד, ווי ער זאָגט אין מדרש אז ס׳איז דא עשר שירות, וואָס נייען שירות, וואָס עס האָט זיך אנגעהויבן פון משה רבינו, ״אז ישיר משה״, און דערנאך ווי ער רעכנט דארט אויס די נייען, זיינען נאך קודם הגאולה ע״י משיח,

דערנאך וועט זיין די שירה העשירית, מיטן **מנין** העשירי, ווען עס וועט קומען מישח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה,

וואָס דאָס איז דאָך תלוי במעשינו ועבודתינו, דורך דער שמחה אין זמן **הגלות** ווערט דאָס אַ הכנה מתאימה צו ״שמחת עולם על ראשם״,

די שירה וזמרה בזמן הגלות, ווערט דאָס אַ הכנה מתאימה צו דער שירה העשירית,

און די גאולה ממדוה״ג אין עבודת ה׳ ברענגט אראפ נאך אין זמן הגלות די גאולה פון מדהו״ג אין דעם ענין פון בני חיי ומזוני רויחי, אז ער האָט אין זיי אלע אין אַן אופן פון ״רויחא״,

און עס קומט אראפ דער ״רויחא״ האמיתית, אז עס ווערט דער ״כויס רוי״״, ״אין אומרים שירה אלא היין״, וואָס דאָס איז דאָך דער כוסו דמלכא משיחא,

אז עס קומט בפשטות דער ״בשלח פרעה את העם פון דעם גלות האחרון, און אין אַן אופן, ווי ער זאָגט אין מדרש אויף ״בשלח פרעה״, אז בשעת מ׳איז זורע אַ קב איז דאָס כדי לעשות כמה כורין, אזוי איז אויך געווען ״בשלח פרעה״, עס איז מיטגעגאנגען ״ערב רב עלה אתם״, נאך מערער ווי די ששים ריבוא מישראל,

אזוי איז מען אויך מעלה, אין לשון החסידות והקבלה, די אלע ניצוצי קדושה וואו זיי געפינען זיך, נעמט מען זיי אַרויס אפילו פון ״קצה השמים״, און מ׳נעמט זיי מיט מיט זיך, עאכו״כ יעדער איד און אלע אידן, כולל אויך די תינוקות שנשבו בין העכו״ם אין ״קצה השמים״,

איז ״משם יקבצך ומשם יקחך״, בגאולה האמיתית והשלימה,

און מ'וועט גיין מקבל זיין און לערנען תורה מפיו של משיח, בדוגמא ווי פון פרשה בשלח גייט מען גלייך אריבער אין פרשת יתרו, אין דער פרשה פון מ"ת,

וואָס אע"פ אז מ"ת איז דאָך געווען **איין** מאָל, איז דאָך דאָס אָבער מעין זה ווי עס וועט זיין לע"ל, "לא יכנף עוד מוריך והיו עיניך **רואות** את מוריך", און מ'וועט לערנען, כאמור, "לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם", או בלשון הרמב"ם אז מ'וועט וויסן "דעת בוראם", ביז אין תכלית השלימות,

ובמהרה בימינו ממש.

**ה.** צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני וגו'.

**ו.** וואָס לויט דעם מאמר פון דעם אַלטן רבי'ן, ווי דערמאָנט פריער, אַז "בכל קראנו אליו".

וואָס דאָ איז דאָך אַ פלא: ער ברענגט אַליין אַראָפּ – דער אַלטער רבי פריער דעם פירוש הפרדס, און דערנאָך דעם פירוש הבעל שם טוב, וואָס דערנאָך זאָגט ער, אַז פירוש **הפשוט**, ניט נאָר ווי די צוויי פירושים וואָס ער ברענגט פריער, נאָר דער פירוש הפשוט דאָ [איז] אין אַן אַנדער אופן לגמרי,

וואָס דאָרטן רעדט זיך אַלץ וועגן ענינים פון השתלשלות, מדידות והגבלות, אורות און כלים, און זאָגט אַז דער פירוש וואָס ער זאָגט איז "בכל קראנו אליו" מיינט מען דאָס עצמות ומהות, און זאָגט דוקא אויף דעם פירוש, אַז דאָס איז דער פירוש הפשוט!

וואָס לכאורה איז דאָס אינגאַנצן ניט מתאים צו דעם יחס הידוע פון דעם אַלטן רבי'ן צום בעל שם טוב, על דרך זה אויך צום פרדס, און אף על פי כן, איז לא די וואָס דער אַלטער רבי זאָגט אַן **אַנדער** פרוש, און זאָגט דער פרוש איז "פירוש הפשוט" – ברענגט ער די אַלע דריי פירושים צוזאַמען,

און – איז מקדים, אַז ס'איז דאָ אַ פירוש פון דעם **פרדס**, און דערנאָך איז דאָ אַ פירוש פון **בעל שם טוב**, און דערנאָך איז דאָך אַ פירוש **הפשוט!**

און נאָך מדגיש בזה, אַז דער פירוש הפשוט - אָט דאָס איז דער ענין התפילה כפשוטה,

וואָס ווי מ'זעט בפשטות בשעת אַ איד דאַוונט איז ער דעמאָלט, אַחוץ יחידי סגולה וואָס זיינען שייך צו כוונות און מכוין-זיין די כוונות במקומם וכו', און אויך אויף זיי זאָגט מען "אליו ולא למדותיו",

על אחת כמה וכמה באַ די וואָס זיינען מאיזו סיבה שתהי' **ניט** שייך צו כוונות – איז דאָך אָט דעמאָלט ווי ס'האָט געזאָגט אַ גדול בישראל "אני מתפלל לדעת זה התינוק", און דאָס איז די אמיתית ענין התפילה – זאָגט דער אַלטער רבי – דער "פירוש הפשוט",

וואָס "פשט" האָט דאָך אין זיך די בײדע מעלות: דאָס איז אַ דבר השוה לכל נפש:

בשעת מ'רעדט על פי שכל, על פי רמז, על פי דרוש על פי סוד – איז לאו כל מוחא סביל דא; אַ "בן חמש למקרא" זעט מען, ווי דער סדר איז, אַז מ'קען מיט אים ניט לערנען מערניט ווי על-דרך הפשט,

ביז וואַנענט אויך אפילו ביי כמה מבוגרים וואָס מאיזו סיבה שתהי' זיינען זיי נאָך ניט שייך צו לימוד בדרך הסוד אָדער הרמז אָדער הדרוש, און זיי דאַרפן אויסקומען מיט דרך הפשט.

און בשעת ס'קומט לעבודת התפילה, וואָס דעמאָלט איז דאָך דער תכלית השלימות אַז ער שטייט "כעבדא קמי מרי",

וואָס דאָס איז דאָך אַ חיוב אויף כל בני המדינה: מצד קבלת עול המלך, איז בשעת ער שטייט לפני המלך – איז דעמאָלט דאַרף ביי אים ניט תופס-מקום זיין וואָס ער איז אַ בעל-מעלה, אַז ער איז אַ שר גדול אָדער אַ שר בינוני, אָדער על כל פנים אַ שר קטן; בשעת ער שטייט לפני המלך – איז אָט דעמאָלט דאַרף ער שטיין "**כעבדא** קמי מרי", און דוקא אין דערויף באַשטייט די אמיתיות קבלת עול מלכות, ועל דרך זה אמיתית פון קבלת עול מלכות שמים.

וואָס דאָס איז דאָך אויך ווי די גמרא ברענגט אַראָפּ, [ווי יעדער ענין קומט דאָך אויך אַראָפּ אין אַ הלכה, אַז בשעת בפני דוד המלך האָט אורי' החיתי דערמאָנט יואב'ן מיט אַ טיטול – איז דאָס געווען אַ היפך פון (קבלת עול מלכות דוד) קבלת עול המלך דוד, ביז וואַנענט אַז ס'איז געוואָרן היפך החיים והמציאות שלו.

על אחת כמה וכמה אין עבודת התפילה].

איז דאָך איינער פון די פירושים בדבר, וואָס דער אַלטער רבי איז דאָס מצרף כל ג' הפירושים ביחד:

אַז דער תכלית השלימות וההבנה וואָס מ'האָט לאחרי ההתבוננות אין דעם פירוש הפרדס, און נאָך מערער: בשעת דערנאָך קומט ער – לאחרי ההתבוננות אין פירוש הפרדס – צו דעם פירוש פון בעל שם טוב, און אין דערויף איז ער זיך **מתבונן**, ביז ער דערגרייכט אין **פשיטות**, אמיתית הפשיטות, וואָס דאָס איז דער אויבערשטער, עצמות ומהות אַליין – קומט דאָס אַראָפּ דוקא אין פירוש **הפשוט**, אַז דאָס מיינט מען עצמות ומהות,

וואָס דערפאַר איז מוכרח די הקדמה, אף על פי וואָס ס'איז דאָך דאָ דער פירוש הפשוט באַ די וואָס **קענען ניט** (דע) אָדער ווייסן ניט פון דעם פרדס און פירוש הבעל שם טוב, קען מען דאָך אָבער מיינען, אַז דורך די צוויי פירושים וועט ביי אים ווערן אַ שינוי אין דעם פירוש הפשוט –

איז דער אַלטער רבי מדגיש, אַז אדרבא: דורך דער הקדמה פון התבוננות לויט תורת חסידות חב"ד פון חכמה בינה דעת, און דערמיט איז ער זיך מתבונן אין פירוש הפרדס, און דערנאָך אין פירוש פון דעם בעל שם טוב - אָט דעמאָלט קריגט ער ערשט אַרויס די שלימות אין עבודת התפילה, "אליו ולא למדותיו", צו עצמות ומהות.

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן, כמדובר כמה פעמים, מיט אַ הלכה בפשטות, ווי אַראָפּגעבראַכט אויך אין ספר תניא קדישא, [אף על פי וואָס דאָס איז דאָך דער יסוד פון תורת **החסידות**, על אחת כמה וכמה ווי דאָס איז די ענינים מובנים בפשטות פון שולחן ערוך כפשוטו], אַז ביי אַלע מצוות איז נוגע "המעשה הוא העיקר" – די **עשי' בפועל**.

אמת טאַקע, מצוה בלא כוונה און תפילה בלא כוונה "כגוף בלא נשמה", אָבער אעפ"כ, איז אַלע כוונות, אויב ס'פעלט דער מעשה בפועל – איז אָט דעמאָלט האָט ער ניט מקיים געווען די מצוה. בשעת ער האָט די מעשה בפועל האָט ער מקיים געווען די מצוה, ואדרבא – דאָס ברענגט אים דערנאָך "מצוה גוררת מצוה", אַז במשך הזמן וועט ער אויך האָבן אַ שייכות צו פאַרשטיין אויך **כוונת** המצוות.

**נבדק.** וואָס דאָס איז אויך כולל און פאַרבונדן מיט האמור לעיל, אַז בשעת דער אויבערשטער האָט געוואָלט מ'זאָל אים בויען דעם מקדש, און פאַר דערויף דעם משכן – האָט ער געוואָלט אין וואָס פאַר אַן אופן דאָס זאָל זיין? – אַז דאָס זאָל זיין "כל נדיב לב" זאָל נעמען דרייצן אָדער פופצן זאַכן, דברים גשמיים, און דערפון זאָל מען אויפבויען דעם משכן, "ועשו לי מקדש", וואָס דעמאָלט וועט זיין "ושכנתי בתוכם".

דערציילט תורה בשעת מעשה, אַז (ס'איז געווען) די אַלע ענינים זיינען שוין געווען פאַרטיק באַ דעם **אויבערשטן**, "ככל אשר הראת בהר": די אַלע ענינים אין דעם משכן דאָ למטה – איז דאָס געווען "הראת בהר", האָט מען באַוויזן משה רבינו, נאָר וואָס דען? דאָס איז געווען של **אש** – **ברוחניות** הענינים.

זאָגט דער אויבערשטער, אַז ס׳איז דאָ די אַלע ענינים ברוחניות, און באַווייזט אים אַ פאַרטיקן משכן, און דערנאָך זאָגט ער, אַז ווי אַזוי קען זיין דער ״ושכנתי״, אַז ס׳זאָל זיין עצמות ומהות דאָ למטה? – איז דער משכן של אש ניט דער ענין; ס׳דאַרף זיין דוקא אין עולם הזה התחתון און אין די דברים תחתונים.

פון וואַנען נעמען זיך דברים תחתונים? – ״שנשתלשלו מהן״; ״אסתכל באורייתא וברא עלמא״, (אזוי) ווי ער זאָגט אין מדרש, אַזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק ״ויאמר אלקים יהי אור״ – האָט דער אויבערשטער געזאָגט ״יהי אור – ויהי אור״. על דרך זה בנוגע צו דעם משכן ומקדש, ועל דרך זה צו די אַלע ענינים וואָס ״אני נבראתי לשמש את קוני״, ״בכל דרכיך דעהו״ ו״כל מעשיך לשם שמים״ – איז דאָס דורך דערויף וואָס מ׳טוט דאָס דוקא אין **דברים גשמיים**, [און] דוקא דאָרטן ווערט אָפּגעפסק׳נט די הלכה, וואָרום תורה ״לא בשמים היא״.

פרעגט זיך די שאלה: לכאורה, אויף מאַכן אַ מנורה דאָ למטה דאַרף מען אים באַווייזן אַ **מנורה של אש**, אויף אַ מאַכן אַ משכן דאָ למטה דאַרף מען אים באַווייזן ״הראת בהר״, אַ **משכן של אש**, [וואָס דאָ איז דאָך דער פשט ״אש״ ניט אש גשמי, נאָר דער **רוחניות** הענינים],

דערנאָך זאָגט מען, אַז וואו איז דאָ דער ״ושכנתי בתוכם״? – איז דאָס דוקא ווען ס׳וועט זיין אַ איד אַ נשמה בגוף, וואָס ער וועט נעמען פון זיין ״זהב וכסף ונחושת״ מיט די אַלע זאַכן וואָס ער רעכנט דאָרט אויס, און וועט דאָס אָפּגעבן צום אויבערשטן, ״ועשו לי – לי **לשמי**״ – דערפון ווערט אויפגעבויט דער אמת׳ער משכן ומקדש אין וועלכן ס׳ווערט דער ״הבית הזה״, וואָס ״השמים ושמי השמים לא יכלכלוך״, [ווי דערמאָנט פריער פון תפילת שלמה בהנוגע צו דעם בית מקדש ראשון].

און וואו דאַרף מען דאָס האָבן? – דאַרף מען דאָס אויפטאָן דוקא אין עולם הזה התחתון. פון וואַנען האָט מען גענומען דעם ״זהב וכסף ונחושת״ – האָט מען דאָך דאָס גענומען פון ביזת מצרים און ביזת הים, אַז מ׳האָט ״גוזל געווען״, צוגענומען די ענינים ווי זיי זיינען אין **חומריות**, און מ׳האָט פון זיי געמאַכט אַ **גשמיות** (וואָס מ׳קען) וואָס דאָס קען ווערן אַ כלי און אַ משכן צו קדושה, ״לי – לשמי״,

וואָס דורך דערויף וואָס ער "**גזל'ט**" פון וועלט אָפּ דעם העלם והסתר, און איז **מבטל** דעם העלם והסתר, און איז מגלה אין וועלט דעם "אמת הוי' לעולם" – איז אָט דעמאָלט, אין די וועלטישע זאַכן, איז אָט דאָרטן ווערט נתגלה (דער) זייער **אמיתית** המציאות... **ע"כ נבדק.**

ווי ער זאָגט אין רמב"ם בתחילתו, אין יסודי התורה, אַז "מאמיתת המצאו נמצאו כל הנמצאים", און דערנאָך ממשיך "ואמת הוי' לעולם": פון דעם "הוי'" ווי ער שטייט אין "אמת", וואָס דאָס איז נאָך העכער פון אַלע צמצומים, ווי געבראַכט אין די מאמרים הנזכרים לעיל, און דאָס קומט אַראָפּ "לעולם", מלשון העלם והסתר, און אָט דאָרטן איז מען מצרף און ס'ווערט דער "יתרון האור מן החושך", (און ס'ווערט דער יתרון) צוזאַמען דורך דערויף וואָס ס'איז דאָ דער "יתרון החכמה מן הסכלות"; פון שטות העולם ווערט ביי אים דער "יתרון החכמה מן הסכלות", חכמתו של הקב"ה, וואָס דאָס איז חכמת התורה,

וואָס דעמאָלט איז נאָך מער מודגש: בשעת ס'שטייט דער אור כנגד החושך – ווערט דער "יתרון האור מן החושך", ווי מ'זעט דאָס בפשטות, אַז בשעת מ'איז מצרף אַ ציור פון אור און אַ ציור פון צל וחושך – אָט דעמאָלט ערשט זעט זיך אַרויס בהדגשה דער יופי און די הארה און דער יתרון וואָס ס'איז דאָ אין דעם אור – וואָרום ער קומט דוקא מתוך החושך.

וואָס דאָס איז דאָך אויך ווי מודגש אין דער פרשה וואָס מ'גייט לייענען לאחרי שבוע זה, "וישמע יתרו", און דערנאָך איז געווען מתן תורה, איז ער מבאר אויף דערויף אין זהר, אַז אַ הקדמה צו מתן תורה האָט געדאַרפט קומען יתרו, וואָס ער האָט געוואוסט דעם חושך העולם, און געווען אַ "**כהן** מדין": ביי אים דאָס געווען, ער האָט גאָר עובד געווען צו מדין'ס חושך העולם,

און דערנאָך איז "וישמע יתרו", באַ ונתגייר, האָט ער גענומען און (איבע) ער האָט גענוצט דעם חושך און דעם צל און די ענינים פון דעם העלם והסתר על האור – האָט ער דאָס גענוצט כדי דורך דערויף זאָל ער זאָגן "עתה ידעתי כי גדול הוי' מכל האלקים", ביז אין אַן אופן פון **נסים**, ווי ער זאָגט אין די פסוקים שלאחרי זה, "אשר עשה הוי' לישראל עמו",

און אָט דאָס ברענגט אַראָפּ מתן תורה דוקא אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו,

אף על פי וואָס זי איז דאָך "אלפיים שנה קדמה תורה לעולם", על אחת כמה וכמה אין עולם גופא איז דאָך "אברהם זקן ויושב בישיבה", ועל דרך זה "מעולם לא פסקה ישיבה מאבותינו ממצרים" –

דאָ איז אָבער אַלץ געווען ווי תורה האָט דורכגענומען **ליכטיקייט**, ענינים פון "**עליונים**", אָבער ס'איז געווען דער "עליונים לא ירדו לתחתונים" – די צללים מיט דעם חושך איז געבליבן במקומו, אפילו ווען לפי שעה האָט מען אים גענוצט אויף ענינים וואָס מ'האָט אים געוואָלט נוצן.

האָט אויפגעטאָן יתרו, אַז ער האָט געזאָגט "עתה ידעתי":

נאָך דערויף וואָס ס'איז דאָ "כל האלקים" – ענינים של מלאכים, כולל אויך דעם ענין וואָס ס'איז ביי אים געווען דער "כהן מדין", האָט ער דערפון אַרויסגעקראָגן די אמת'קייט פון אידישקייט כפשוטה.

ו"המעשה הוא העיקר":

ווי גרויס און הויך און איידל און רוחניית די **כוונה** זיינע, איז דאָס וואָס מ'פאַרלאַנגט פון אַ אידן, אַז ער זאָל נעמען זיין האַנט **גשמיית** און ער זאָל אויף דערויף, על ידו השמאָלית, זאָל ער לייגן אויף דערויף תפילין בפשטות,

און אָט דעמאָלט, פון דעם "צל" פון דעם יד הגשמי, וואָס דאָס איז מערניט ווי אַ **צל** פון דעם יד הרוחני, (פון די "יד"??) פון דעם חיות פון דער נשמה וואָס איז דאָ אין דעם יד הגשמי – מאַכט ער דערפון אַ כלי, וואָס דורך דערויף איז ער מקיים דעם אויבערשטנ'ס רצון –

אָט דאָס ברענגט צו דער שלימות פון דער יד הגשמי מיט די יד הרוחני, און צו די שלימות **האמיתית**, וואָס דאָס איז דער מילוי פון דעם אויבערשטנ'ס רצון, וואָס "המעשה הוא העיקר",

ובלשון פון דעם מאמר פון בעל ההילולא ליום ההילולא – אויף לעשות לו יתברך דירה בתחתונים,

אין אַן אופן אַ "דירה" וואָס זי ווערט אויך אָנגערופן בשם "גן", "באתי **לגני**", וואָס דער ענין פון אַ גן איז דאָך, ניט סתם אַ **דירה**, נאָר אויך אַן ענין פון **תענוג ושעשועים**, ווי מ'געפינט דאָס גלייך ביי אדם הראשון, אַז מ'האָט אים אַריינגעשטעלט אין "גן בעדן מקדם", וויבאַלד אַז מ'האָט געוואָלט ער זאָל האָבן דער תכלית השלימות, "הכל מוכן לסעודה", ביז אין אַן אופן של תענוג

ושעשועים – העכער פון "כל מחסירו אשר יחסר לו", זאָל זיין דער "אתה מחוייב לעשרו", זאָל זיין עשירות שאין למעלה הימנה.

וואָס דאָס איז אויך בהמשך להמדובר לעיל, אַז ס'איז דאָך דאָ די ענינים וואָס ווערט פאַרלאַנגט פון יעדער אידן - קיום המצוות בפשטות, מצוות עשה, ואין ענין יוצא מידי פשוטו, מקיים זיין די מצוות במעשה בפועל, על דרך זה די אָפּגעהיטנקייט פון די מצוות לא-תעשה,

איז אָבער אַ **שלימות** פון אַ אידן איז, אַז ער ניצט אויס אַלע כוחות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, ביז וואַנענט אַז ער ווערט "**תמים** תהי'" – ער איז אינגאַנצן אַ "תמים", אַ גאַנצער און אַ שלימות'דיקער, און אין וואָס פאַר אַן אופן? – "עם הוי' אלקיך", וואָס דאָס איז ביי אים אַלץ דורכגענומען מיטן אויבערשטן, מיט ג-טלעכקייט און מיט אידישקייט.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, ווי גערעדט פריער בארוכה, אַז מ'קען ניט יוצא זיין דערמיט וואָס ביי אים איז אַ אידישע **האַרץ**, דערמיט וואָס ביי אים איז אַ אידישע **קאָפּ**, במילא איז זיין גאַנצער שכל און זיין גאַנצער געפיל ליגט ביי אים אין אידישקייט און אין אידישע זאַכן –

מ'דאַרף אויך האָבן, אַז כל אברי גופו, ביז וואַנענט די ציפּרניים שבאצבעות הרגלים, זאָל אויך זיין "תמים תהי' עם הוי' אלקיך", אַז אין זיי זאָל אויך זיין ניכר, אַז דאָס געהערט צו אַ אידן, וואָס ער איז אַ איד ווי אַ איד **דאַרף** זיין – איין זאַך; על ידי אורייתא איז "ישראל ואורייתא וקוב"ה" ווערט דאָס "כולא חדא",

בדוגמא ווי אַ בן יחיד באַ הורים זקנים (כתורת הבעל שם טוב ווערן זיי דאָך פאַרבונדן מיט אַן **אהבה עצמית**) שנולד להם לעת זקנותם, ווי דער בעל שם טוב זאָגט, ווערן זיי דאָך פאַרבונדן מיט אַן **אהבה עצמית**, ביז וואַנענט אַז מ'קען זיי גאָר ניט פאַנאַנדערטיילן; דאָס איז "כולא חד",

וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך דערויף וואָס ער מאַכט פון דער גאַנצער בריאה פון דעם אויבערשטן, אַז דאָס זאָל זיין אַ דירה לו יתברך,

וואָס אין דעם אויבערשטנ'ס בריאה איז דאָך דאָ די ענינים פון אור, און די ענינים וואָס בערך האור איז דאָס ענינים של העלם והסתר וחושך וצל – מאַכט ער דערפון אויך אַ טייל פון דעם משכן פון דעם אויבערשטן, וואָס דאָרט איז דאָך געווען פאַרשידענע כלים, אויך כלים פאַר דעם דשן און פאַר דעם אפר

וכיוצא בזה, וואָס דאָס איז געווען אַ חלק פון דעם משכן און פון דעם **שלימות** המשכן, ועל דרך זה אויך אין דעם מקדש.

ועל דרך זה בחייו של כל אחד ואחת מישראל, וואָס אויף יעדער אידן זאָגט דאָך דער אויבערשטער "ושכנתי **בתוכם**", און ווי חז"ל זיינען מדייק ניט ווי לכאורה האָט געדאַרפט זאָגן "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכו", אין דעם מקדש, נאָר "ושכנתי בתוכם": דער **תכלית** הכוונה איז, אַז דער אויבערשטער רוט דורך דעם בלבו של כל אחד ואחת מישראל –

דורך דערויף וואָס ער מאַכט פון כל עניניו בעולם, צי דאָס זיינען ענינים וואָס זיינען ביי אים טייער ווי "**זהב**", אָדער ענינים וואָס זיינען ביי אים גאָר ביליג, ווי "**נחושת**", וכיוצא בזה ווי די אַלע ענינים וואָס ער רעכנט אויס – איז מאַכט ער פון זיי אַלעמען איין און איינציקן מקדש ומשכן פאַר דעם איין און איינציקן אויבערשטן, וואָס דאָס איז עצמות ומהות. **ע"כ נבדק.**

און דערמיט ווערט ער אַ "גוי אחד בארץ", ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ, אַז "בארץ", זייענדיק אין ארציות און אין ענינים ארציים, און זייענדיק אַ גוי וואָס לכאורה איז דאָס אַ גוי ככל גויי הארץ, ביז וואַנעט אַז ס'איז דאָ אָט די וואָס זעען ניט די אמיתיות – די אמת'קייט – פון וועלט, מיינען זיי רחמנא ליצלן, אַז "ככל הגוים" איז עם ישראל,

זאָגט מען, אַז "גוי אחד בארץ", אַז זייענדיק "בארץ", און זייענדיק אין "ארץ" גופא אין "ארץ" שבארץ, אין גלות – שטייט ער אין אַן אופן פון "אחד", וואָרום ער איז פאַרבונדן, זייענדיק "מפוזר ומפורד" איז דאָס "ישנו עם אחד", וואָרום ער איז פאַרבונדן מיט **הוי' אחד**, **אלקים אחד**, דורך דערויף וואָס ער לעבט על ידי תורה אחת וואָס ער האָט באַקומען פון דעם אויבערשטן,

און מאַכט פון דער גאַנצער וועלט אַ משכן און אַ כלי דורך וועלכע ס'זאָל נתגלה ווערן ג-טלעכקייט אין עולם-הזה התחתון שאין תחתון למטה הימנו,

און דערמיט איז ער "מכריע עצמו וכל העולם כולו", ווי ער זאָגט אין רמב"ם, "ומביא ישועה והצלה" – ער ברענגט אַז ס'ווערט די גאַנצע וועלט אין אַן אופן פון "לתקן עולם במלכות ש-ד-י", ביז וואַנעט אַז "אהפוך אל כל העמים כולם שפה ברורה לעבדו כולם שכם אחד",

במהרה בימינו ממש, על ידי מעשינו ועבודתינו אין די ענינים באופן האמור – דוקא אין ענינים פון עולם הזה התחתון, באופן האמור אויף מאַכן דאָרט ליכטיק – ברענגט דאָס די גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

ובמהרה בימינו ממש.

לחיים.

ניגנו ניגון שמחה (ניגון ה"הימנון" של מחנה גן ישראל תשנ"ז), תוך כדי שכ"ק אד"ש עונה "לחיים ולברכה". בהמשך עודד כ"ק אד"ש את הנגינה.

## שיחה ז.

וואָס דער "גוי אחד בארץ", ווי דערמאָנט פריער ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ, אַז בשעת אידן געפינען זיך "בארץ", ביז אין ארץ עצמה – אין ענינים ארציים, [וואָס אין ארץ איז דאָך דאָ אויך ענינים רוחניים, אָבער אויך דאָ ענינים ארציים], איז בשעת מ'געפינט זיך "בארץ" – איז דאָרטן זיינען זיי אַ "גוי אחד", ניט קוקנדיק וואָס "מפוזר ומפורד בין העמים", נאָך אין זמן פון גלות,

און נאָך מערער, ווי דער אַלטער רבי טייטשט דאָס אָפּ, אַז אין דעם "ארץ" – זיינען זיי ממשיך, אַז אין "ארץ" זאָל נתגלה-ווערן דער ענין פון "אחד", פון "אמת הוי' לעולם", (אַז דאָס איז) אַז "יש בעל הבית לבירה זו", און אין הבריאה עושה את עצמה, זי איז נתהוה געוואָרן מאין ליש, "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית", און ווי דער אַלטער רבי [איז] מבאר בארוכה אין שער היחוד והאמונה דעם תורת הבעל שם טוב בזה.

וואָס דאָס איז פאַרבונדן בפשטות דורך דערויף וואָס "כל מעשיך לשם שמים" ו"בכל דרכיך דעהו", ווי דער דין אין שולחן-ערוך, במילא ווערט ביי אים אַן איין און איינציקער לעבן, אָן "סכסוכים" און אָן "שפּליטערונגען" און אָן ענינים וואָס היפך מנוחת הנפש;

וויבאַלד אַז ער האָט איין און איינציקע מטרה ותכלית, וואָס דאָס איז "לשם שמים" ו"דעהו" - איז ניט שייך אין דערויף אַן ענין וואָס ער ציט אים, דער יצר הרע, אין איין זייט, און דער יצר-טוב אין דער צווייטער זייט, און ער קען זיך ניט איינקערן מיט דער מלחמה, "ולאום מלאום יאמץ",

וואָרום ער האָט מנצח-געווען די מלחמה און ביי אים איז געוואָרן "אחד בארץ" – ער איז אַ "**גוי אחד**" וואָס דינט דעם "**ה' אחד**", אלקים אחד, דורך דערויף וואָס ער פירט זיך ווי ס'שטייט **בתורתו אחת.**

ו"המעשה הוא העיקר", כמדובר לעיל – דוקא "בארץ", און אין "ארץ" גופא – אויך, ובעיקר, אין די ענינים ארציים שבה.

וואָס דאָס איז פאַרבונדן אויך מיט די אחדות פון אידן צווישן זיך, וואָס דעמאָלט איז דאָס אַן ענין פון "גוי אחד" **בפשטות**, אַז ניט קוקנדיק וואָס על-פי תורה ווערן זיי פאַנאַנדערגעטיילט, פון "ראשיכם שבטיכם" ביז "חוטב עציך" ו"שואב מימך", פאַנאַנדערגעטיילט אויף י"ב שבטים, און אויף ישראל

ולויים וכהנים, וכיוצא בזה כמה וכמה חלוקות, וואָס דאָס איז חלוקות על פי תורת אמת – ביחד עם זה האָבן זיי אַלע אַ זאַך וואָס איז זיי **מאחד** און ס׳מאַכט פון זיי איין זאַך,

און די זאַך וואָס איז זיי מאחד - אָט דאָס איז זייער **עיקר:**

די חלוקים שביניהם, וואָס דאָס איז ״ראשיכם״ און דער לעצטער איז ״שואב מימיך״ – איז דאָס בערך פון דעם ענין וואָס ״הנשמות כולן מתאימות ואב אחד לכולנה״, איז דאָס איז דער עיקר, און כל החלוקות זיינען בערך זה חלוקות ווי אַ טפל לגבי עיקר,

אף על פי וואָס זיי זיינען אויך מחולק אַז ס׳ קומט צום דוכענען דאַרף דאָס דוקא דוכענען אַ **כהן**, און בשעת ס׳דאַרף זיין נטילת ידים לנשיאת כפים איז דאָס דוקא אַ **לוי** [אָדער אַ בכור], און בשעת ס׳דאַרף זיין די מתברכים – איז דאָס אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט **ישראלים** ונשים וטף וכל אחד ואחת בישראל,

איז דאָס אָבער בערך פון דעם ענין המאחדם – איז ״ויחן ישראל״, ״ויחן״ לשון **יחיד**, וואָרום דאָס איז ״כנגד ההר״ – אויף מקבל-זיין **תורה אחת** מה׳ **אחד.**

וואָס דאָס איז נאָכמער מדגיש דעם ענין פון אהבת ישראל און דעם ענין ווען ס׳ווערט ווערן דער ״גוי אחד״ און מ׳וועט זען בגלוי ווי אַזוי ״אתה בחרתנו מכל העמים״, און נאָך מערער – ״**ורוממתנו** מכל עם ולשון״,

ניט רחמנא ליצלן טראַכטן, אַס מ׳וועט קענען דורכפירן ״ככל הגויים בית ישראל״ – דאָס איז ״עוצו עצה ותופר״ און ״דברו דבר ולא יקום״, וואָרום ״דבר אלקינו יקום לעולם״, ״כי עמנו א-ל״, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, צווישן פעלקער – עם ישראל, און האָט אים אויסגעקליבן מכל העמים,

ועל דרך זה אויך בהנוגע צו **ארץ ישראל**, ווי ער זאָגט אין מכילתא, האָט ער (אויסגעקליבן מכל) באַשאַפן **כל** הארצות, און האָט אויסגעקליבן מכל הארצות די ארץ (ה) וואו ס׳געפינט זיך דער **בית** הבחירה, (דער בחי דער) ״המקום אשר יבחר בו הוי׳ אלקיך״, ארץ ישראל, און האָט געזאָגט אַז ער גיט די **ארץ** וואָס ער האָט אויסגעקליבן – צו דעם **פאָלק** וואָס ער האָט אויסגעקליבן, אין אַן אופן נצחי, ווי דער אויבערשטער איז אַ נצחי.

וואָס דאָס איז דאָך אויך כמדובר כמה פעמים דער ענין וואָס אהבת ישראל, וואָס דאָס ברענגט צו אחדות ישראל האמיתית, ברענגט אויך צו אהבת ארץ ישראל און צו אחדות ושלימות פון ארץ ישראל,

כולל כי אַלע שטחים וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן אין אַן אופן פון ניסים גלויים, דוקא בימינו אלו פון חושך כפול ומכופל פון "עיקבתא דמשיחא", כולל אויך יהודה ושומרון און רמת הגולן, מיט אַלע שטחים וואָס געפינען זיך איצטער תחת יד ישראל,

און וואָס זיי האָבן דאָס באַקומען אין אַן אופן פון ניסים גלויים, וואָס אפילו עמי הארץ האָבן געזאָגט, אַז "אצבע אלקים היא" און מערניט ווי דער אויבערשטער האָט געקענט באַווייזן אַזאַ נס, ניט קוקנדיק וואָס דאָס איז אַ "כבשה אחת בין שבעים (זקנים) [זאבים]".

וואָס דערפאַר איז אויך על-פי תורה און על פי הלכה, און אין הלכות שבת בפרט אין שולחן-ערוך, טאָר מען ניט אומקערן אפילו **שעל אחד** פון די שטחים וואָס מ'האָט באַקומען;

וויבאַלד אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט פיקוח נפש פון יעדער אידן און פון אַלע אידן – ווערט דאָס אַ דין אין תורת אמת און אין תורת חיים, **הוראה** בחיים, אַז אפילו בשבת איז אויך גרייט מען אָן נשק, און מ'איז מודיע אַז מ'וועט דאָס ניט אָפּגבן,

איז בדרך ממילא איז "וראו כל עמי הארץ כי שם הוי' נקרא עליך", אַז פעלקער זעען און הערן אַז אידן גייען בכח התורה, און זאָגן אַז ס'איז אַן אָפּגע'פסק'נטער דין אין שולחן-ערוך, אַז די אַלע איינגענומענע שטחים וואָס געפינען זיך שוין (בשם) [ביד] ישראל,

איז ניט קוקנדיק וואָס אויף די שטחים וואָס געפינען זיך נאָך **ניט** ביד ישראל פון ארץ-ישראל דאַרף מען וואַרטן אויף גאולה וואָס וועט קומען על-ידי משיח צדקנו, ולא ב"כוחי ועוצם ידי", חס ושלום,

אָבער לאידך גיסא, ובעיקר, איז דער פסק-דין אין דער זעלבער תורה, וואָס זי איז אַ תורה אחת, אַז דאָס וואָס מ'האָט שוין: יהודה ושומרון, רמת הגולן וכו' וכו', וואָס זיינען נוגע צו פיקוח-נפש – טאָר מען ניט אָפּגעבן אף שעל, אפילו אַ **חצי** שעל.

על דרך זה, ובמכל-שכן וקל-וחומר, אַז ס'קומט נאָך צו, ווי דערמאָנט פריער, אַז מ'האָט געזען בעיני בשר, אַז אין אַן אופן פון ניסים גלויים האָט מען דאָס באַקומען אידן לידם, אין אַן אופן וואָס "נפל פחד היהודים עליהם"!

מ'האָט גאָר ניט געדאַרפט אָנקומען צו דעם נשק וואָס מ'האָט אָנגעגרייט ברובו – וואָרום מ'איז אַנטלאָפן ווּיסנדיק אַז ס'גייען אידן, און זיי גייען – (ואנחנו) "אלה ברכבה ואלה בסוסים ואנחנו בשם הוי' אלקינו נדגול", און דערנאָך אויך "נזכיר" –

האָט דאָס אויפגעטאָן דעם נס גלוי און מ'האָט באַקומען אָט די שטחים, וואָס זיי וועלן בלייבן לעד ולנצח נצחים, אַלס אַ **נחלת עולם**, פון **אלקי עולם**, **לעם עולם**, נאָך אָנהויבנדיק פון ברית בין הבתרים,

ודוקא מתוך שלום אמיתי און אַ שלום של קיימא - אַז מ'וועט ניט דאַרפן אָנקומען צו נוצן דעם נשק, חס ושלום, בפוע; ס'וועט זיין גענוג אַז מ'ווייס אַז ס'שטייט אין שולחן-ערוך אַז מ'וועט **נעמען** נשק, און מ'איז גרייט צו טאָן ווי ס'שטייט אין שולחן-ערוך.

און דאָס איז די איינציקע וועג, וואָרום אמת איז אַן איין און איינציקער אמת, ס'איז ניט שייך מאַכן אַ פשרה אין אמת: לחצאין ולשליש ולרביע, ווי ס'זאָל ניט זיין; איז דאָס ניט-אמת אַ **ביסל** – איז דאָס ניט אמת **אינגאַנצן!**

און תורת אמת, (האָ) וואָס מ'האָט באַקומען פון אלקי אמת, גיט כח אַז מ'זאָל זיך פירן **בדרך** האמת,

און אָט דעמאָלט האָט מען אַ **שלום** של אמת, און מ'האָט אַ לעבן – חיים אמיתיים, ניט אַן אויסגענאַרטער, אַז ס'ווייזט זיך אויס אַז מ'איז חס ושלום נידעריקער פון אַן אַנדער פאָלק אָדער די אידישקייט איז, חס ושלום, דאַרף אָנקומען צו זאַכן וואָס זיי זיינען ניט-אידיש, צו גוי'אישקייט – ס'איז אדרבא, "והיו מלכים אומנייך ושרותיהם מינקותייך" ווען מ'פירט זיך אין דרך התורה והמצוה,

כולל אויך, אַז אַ מתנה וואָס דער אויבערשטער גיט באופן ניסי, און זאָגט אַ דין בפירוש: [אַז] אַ זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט פיקוח נפש איז אפילו אַ **ספק וספיק-ספיקא** לחומרא, על אחת כמה וכמה אַז דאָס איז אַ דבר **ודאי**,

ווערט דאָס אַ הלכה פסוקה, וואָס תורה איז אַ בעל-הבית איבער מציאות העולם -ווי ער זאָגט אין ירושלמי אויף "לא-ל גומר עלי" – אויף משַנה-זיין די מציאות קיימת, על אחת כמה וכמה צו אויפהאַלטן די מציאות ווי זי איז נאָך אין זמן הגלות, אַז די שטחים געפינען זיך שוין ביד בני ישראל, און דאָרט איז "יד ישראל תקיפה", וואָרום מ'גייט מיטן תוקף פון אידישקייט און מיטן תוקף פון תורה,

ו"דבר אלקינו יקום לעד", און "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" - מ'וועט דאָס דורכפירן אין אַ שלום'דיקן אופן.

נאָר דאָס פאַרלאַנגט, ווי דערמאָנט פריער, אַז ס'זאָל זיין "גוי אחד בארץ" – דורך **אהבת** ישראל, וואָס זי ברענגט צו **אחדות** ישראל.

וואָס דאָס איז פאַרבונדן אויך, וכאן המקום לעורר נאָך אַמאָל, אויף פאַרבינדן זיך מיט אַלע אידן און מיט הונדערטער טויזנטער אידן בפועל, דורך דערויף וואָס מ'האָט אַן אות אין איינע פון די ספרי-תורה וואָס אין איר איז דאָ נאָך העכער דריי הונדערט טויזנט אותיות, וואָס זיי באַלאַנגען צו העכער דריי הונדערט טויזנט אידן, און דאָס איז די זעלבע ספר-תורה ווי אַ **צווייטע** ספר-תורה, ביז די ספר-תורה וואָס ס'האָט געשריבן משה רבינו,

וואָס דאָס איז דאָך דער קיום המצוה פון "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ללמדה", און דערנאָך איז ער מקיים אויך דער "ללמדה" – קביעות-עיתים בתורה, נוסף אויף די שיעורים וואָס דער בעל ההילולא האָט קובע-געווען אין חומש תהלים און תניא המפורסמים, איז ער נאָך מוסיף, ומזמן לזמן "מעלין בקודש", מוסיף נאָך מערער און נאָך מערער,

און טוט די אַלע ענינים מתוך שמחה אמיתית, און טוט די אַלע ענינים אין אַן אופן אַז ער ווערט אַ "מחי' חיים" – ער באַלעבט די אידן וואָס **אַרום** אים, אַז ממנו יראו וכן יעשו אין די אַלע ענינים פון אידישקייט, כמבואר בתורתינו תורת חיים און תורת אמת, תורה **הנצחית**,

ו"דברים היוצאים מן הלב" זאָגט תורה איז "נכנסים אל הלב" ופועלים פעולתם, בפרט נאָך אַז זיי קומען צוז)מען וואָס ער באַווייזט אַ דוגמא חי',

און ער פירט דאָס דורך בדרכי נועם ובדרכי שלום, וואָס דאָס איז דאָך "דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום" – די וועגן פון תורה, וואָס דורך דערויף

נעמט מען איין די וועלט אויך אין אַן אופן של שלום אמיתי און שלום של קיימא.

וואָס דערפאַר וועט מען אויך, ווי ס'איז נהוג אין יום ההילולא, מאַכן דערנאָך אַ "מגבית" אויף "קרן תורה", און יעדערער קען אָנשרייבן אויך שמו בצירוף שם האם, כדי מיטצונעמען דעם צעטל דערנאָך על הציון פון דעם בעל ההילולא.

וקודם לזה אויך, וכנהוג ביום ההילולא – מאַכן אויך אַ סיום אויף איינע פון די מסכתות שבתורה שבעל פה, וואָס "ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא", דאָס איז פאַרבונדן מיט תורה-**שבכתב**, און "תורותי", תורה-שבכתב און תורה שבעל, איז דאָך דאָס אַ "תורה אחת".

און ס'איז דאָך דאָ די שמחה בגמרה של תורה, ווי ביי אַ סיום פון אַ ספר-תורה, ווי דערנאָך פריער, ועל דרך זה אויך "בגמרה של תורה" ווען מ'איז מסיים אַ מסכתא, ווי די גמרא זאָגט און ס'ווערט אויך אַראָפּגעבראַכט אין שולחן-ערוך, און "מנהג ישראל תורה הוא" ווי מ'פירט זיך בכמה מקומות ובכמה מאורעות,

כולל אויך ווי ס'איז דער מנהג בשנים האחרונות אין דעם יום ההילולא.

וואָס ס'איז דאָך דאָ דער "ששים המה מלאכות", ווי ער טייטשט-אָפּ אין מדרש, אַז דאָס איז די ששים מסכתות; אַ מסכתא וואָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט יום ההילוא, ובפרט נאָך – פון אַ תלמיד-חכם והנשיא?? ווי אַ נשיא?? בישראל וואָס נקרא "שבת",

און דער ענין פון הילולא איז דאָך – דער "ויכולו השמים והארץ", אַז ער שטייט בתכלית השלימות בשרשו ומקורו, כמבואר בארוכה אין די דרושים פון ל"ג בעומר בסידור, וואָס דאָס איז דרושים פון דעם אַלטן רבי'ן, ווי אַרויסגעגעבן און (באַש) נתבאר פון דעם מיטעלן רבי'ן, ובכמה דרושים פון די נשיאים ממלאי-מקומו.

וואָס אַ תלמיד חכם איז דאָך בכלל "איקרי שבת", על אחת כמה וכמה ביום ההילולא שלו, וואָס דעמאָלט איז דאָך "ויכולו השמים", אַז כל עבודתו אשר עבד, ווי ס'שטייט בשרשו ומקורו, ווערט דער "חסד הוי' מעולם ועד עולם" און ס'קומט-אַראָפּ "פועל ישועות בקרב הארץ", ווי דער אַלטער רבי שרייבט

אין אגרת הקודש שלו הידועה בקשר מיט אַ הילולא והסתלקות ופטירה פון אַ צדיק,

וואָס דערפאַר וועט מען אויך, על כל פנים בקיצור, מאַכן אַ סיום אויף מסכתא שבת, און ווי לאחרונה – אין פאַרגלייך ווי דאָס איז אין בבלי (ווי דאָס) און ווי דאָס איז אין ירושלמי.

וואָס בכלל האָט מען שוין געמאַכט כמה פעמים סיומים אויף מסכתא שבת, און שוין אויך אַ טייל פון זיי אָפּגעדרוקט אָדער קופּירט,

אָבער ס'איז דאָך (דאָ אַן ענין וואָס) (אין לך מדרש שאין בו חידוש) "אין בית המדרש בלא חידוש" – מסתמא וועט עפּעס צוקומען אַן ענין חדש בזה.

וואָס דער חילוק פון דעם סיום אין בבלי לגבי ירושלמי, אַז ס'איז דאָ אַ גאַנצער ענין אין בבלי (אין דע) וואָס ס'שטייט בסיום המסכתא, וואָס ער שטייט ניט אין ירושלמי.

וואָס דער סיום פון מסכתא שבת איז, אַז ס'איז געווען אַ מאורע, אַ "מעשה רב", פון תנאים, איז די מסכתא מסיים "(ו)מדבריהן למדנו", פון דעם מאורע – פון דער פּאַסירונג – און ווי די תנאים האָבן זיך אויפגעפירט – לערנט מען אָפּ דעם דין, אַז "פוקקין ומודדין ו(מ)ק[ו]שרין בשבת",

אַז אף על פי וואָס בשבת זיינען דאָך מלאכות אסורות, איז בשעת ס'איז דאָ אַ לאָך און מ'קען איר פאַרשטעקן, וואָס (בלשון הקו) בלשון המשנה ווערט דאָס אָנגערופן "פוקקין", איז אויב דאָס רעדט זיך מערניט [ווי] פון פאַרשטעקן, ניט צו בויען – איז אָט דעמאָלט איז "פוקקין . . בשבת".

על דרך זה אויך "וקושרין", אַז אף על פי וואָס אַ קשר של קיימא איז דאָך אסור בשבת; אויב ס'איז אַ קשר **שאינו** של קיימא איז דעמאָלט איז "קושרין בשבת",

ועל דרך זה "ומודדין", אַז אף על פי וואָס בכלל "עובדין דחול" זיינען דאָך אסור בשבת – איז "מודדין . . בשבת".

וואָס דאָס שטייט אין דער משנה,

און דערנאָך קומט אין תלמוד בבלי, גמרא, וואָס זי איז מבאר די משנה, און דערציילט אויך אַ "מעשה רב", אַז ס'איז געווען עולא, [וואָס עולא איז געווען פון די אמוראים וואָס האָט געלעבט אין ארץ-ישראל, און דערנאָך איז [ער]

געווען "ריש נחותא" פון די וואָס זיינען דערנאָך "נחותא לבבל", געקומען אין חוץ-לארץ, אין בבל],

איז ער געקומען צו ריש גלותא, אין די הויז פון ריש גלותא (פון בבל) פון אידן אין בבל, און דאָרט האָט ער געזען רבה בר הונא, ווי אַזוי ער זיצט (אין אַן אמבטי') "באוונא", אין אַן אמבטי', און ער איז מודד – ער מעסט די מדידה, די אורך ורוחב צי דער עומק, פון דער אמבטי', פון דער "אוונא",

האָט ער אים געז*גאט, אַז דאָס וואָס מ'מעג מודד-זיין בשבת, ווי ס'שטייט אין דער משנה, איז דאָס מערניט ווען דאָס איז לצורך **מצוה**, אָבער שלא לצורך מצוה ניט,

האָט אים געענטפערט רבה בר הונא, אַז ער איז ניט אַ מדידה אַלס אַ מלאכה אַלס אַ מדידה, נאָר (מתעס) "(אנא) מתעסק בעלמא [אנא]", ער האָט גלאַט אַזוי געמאַכט מיט די הענט אין אַן אופן וואָס ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז מדידה, ס'איז אָבער ניט געווען אַן ענין של מדידה, מערניט ווי "מתעסק בעלמא".

וואָס דערמיט ענדיקט זיך (דער תלמו) די מסכתא אין תלמוד בבלי.

(אין תלמוד ירושלמי ווערט געבראַכט די משנה - אָן דעם ביאור ווי ער שטייט אין ירוש) אין תלמוד ירושלמי ווערט געבראַכט (מסיי) סיום המסכתא מיט דער משנה, אָן דעם ביאור ווי ער ווערט פאַרשטאַנדיק פון דער גמרא וואָס איז מבאר די משנה אין תלמוד בבלי.

וואָס אף על פי וואָס בכלל איז דאָך דאָ אַ כלל אין לימוד התורה פון כללי הש"ס, אַז מ'דאַרף זיך משתדל-זיין און זוכן אַ וועג צו לערנען אַזוי אַז ס'זאָל ניט זיין קיין פלוגתא ביין בבלי לירושלמי,

וואָס לכאורה דאַרף מען דאָך אויך מסביר זיין, אַז אף על פי (וואָס די משנ) וואָס די גמרא ווערט **ניט** געבראַכט (אין בבלי, איז דאָך אָבער דאָ כמה) אין ירושלמי, איז [דאָך אָבער] דאָ כמה ענינים אין בבלי וואָס זיי ווערן אין ירושלמי ניט געבראַכט,

ובפרט נאָך אַ זאַך וואָס האָט געטראָפן אין גלות, אין בבלי – איז קען גאָר זיין אַז ס'האָט גאָר געטראָפן לאחרי חתימת פון ש"ס ירושלמי, וואָס ס'איז געווען הונדערט יאָר איידער ס'איז געווען חתימת פון ש"ס בבלי,

מיט נאָך כמה ביאורים, איינער פון די ביאורים אויך, אַז אַזוי ווי ירושלמי איז דאָך געווען **לאחרי זה** געקומען דער שקלא-וטריא פון אמוראים אין ש"ס בבלי, איז בשעת זיי האָבן דאָס מבאר געווען איז דאָס אויך געווען אַ ביאור אין ירושלמי.

דאָס וואָס מ'האָט דאָס ניט מעתיק געווען אין ירושלמי עצמו – ס'איז ניט געווען קיין נויטיקייט, כאמור, וויבאַלד אַז מ'האָט דאָס שוין אַריינגעשטעלט אין בבלי און מ'האָט דעם כלל אויף ניט מאַכן קיין מחלוקת בין בבלי לירושלמי, אויב מ'קען געפינען עפּעס אַ הסברה בדבר,

על אחת כמה וכמה ווען די הסברה איז אַ הסברה פשוטה לכאורה.

ס'איז אָבער דאָ ענינים וואָס אין בבלי זיינען זיי ניט גלאַט; אויב מ'וועט לערנען אַז דער ירושלמי איז בדיעה אחרת פון תלמוד בבלי – פאַלן אָפּ די ניט-גלאַטיקייטן וואָס זיי זיינען ניט פאַרשטאַנדיק אין בבלי.

איינער פון די ענינים איז: אין דער משנה שטייען סתם די אַלע דריי זאַכן פון "פוקקין ומודדין וקושרין";

לויט דעם מאמר הגמרא אין בבלי – קומט אויס, אַז "מודדין" איז דאָס מיט אַ תנאי, אויב ס'איז לשם מצוה, באַ "פוקקין" איז דער דין, און ווי תוס' ברענגט פריער אין דערויף אין מסכתא שבת, אַז סיי לשם מצוה סיי שלא לשם מצוה – איז מעג מען פוקק-זיין, ווי תוס' איז דאָרט מפרש בפשטות,

קומט אויס, אַז אין דער משנה ברענגט דריי זאַכן צוזאַמען, און דער דין איז ניט שוה: "פוקקין" איז סיי לשם מצוה סיי שלא לשם מצוה, משא"כ "מודדין" איז מערניט ווי לשם מצוה.

על דרך זה איז אויך בהנוגע צו "קושרין", וואָס אף על פי וואָס דער דין אין פוסקים ווערט געבראַכט, אַז "קושרין" איז דאָס מערניט ווי לשם מצוה – די פשטני ומפרשי המשנה, דער ברטנורא ולפני זה רש"י, זיינען מפרש - ווי דער תוס' יו"ט איז מפרש זייער כוונה - אַז וויבאַלד אַז דער ענין פון מצוה איז דאָס אַ תנאי מערניט [ווי] באַ "מודדין", משא"כ באַ "קושרין" איז אפילו שלא לשם מצוה אויך.

נאָך אַ דיוק איז דאָ וואָס בלייבט ניט פאַרשטאַנדיק לויט פירוש הבבלי למסקנת הגמרא, וואָס פאַר דערויף, בשעת ס'רעדט זיך וועגן מדידה, זאָגט

מען אויף דערויף צוויי דוגמאות "מודדין את המטלית ומודדין את המקוה" – וואָס לכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק: וואָס דאַרף מען האָבן **צוויי** דוגמאות, ס'איז גענוג אַז מ'וועט זאָגן **איין** דוגמא!

ווען מ'דערציילט אַ מעשה – איז אָט דעמאָלט איז קיין שאלה ניט פאַרוואָס מ'ברענגט צוויי דוגמאות - אַזוי איז געווען, "כך הוה מעשה"; בשעת מ'ברענגט אַ דין, און ווי דער רמב"ם זאָגט, אַז דער לשון המשנה איז אַ "לשון קצרה" און זי האָט אין זיך ענינים רבים – דאַרף מען פאַרשטיין, לויט דעם פירוש הבבלי אַז "מודדין" איז מערניט ווי לשם מצוה – איז וואָס דאַרף מען האָבן ביידע דוגמאות; וואָלט געווען גענוג אַז ס'שטייט "מודדין מקוה",

- אַז ס'וואָלט געשטאַנען "מטלית" וואָלט מען געקענט האָבן אַ ספק צי דאָס איז לשם מצוה צי ניט, ווען די משנה איז מדייק און ברענגט אַראָפּ מערניט ווי די דוגמא "מודדין (במקוה) [את המקוה]" – איז דאָס אַן ענין פון אַן ענין של מצוה,

וואָרום אויב די משנה וואָלט געמיינט שלא לשם מצוה אויך – וואָלט דאָך די משנה ניט מדייק געווען בהלכה זאָגן דוקא דער ענין פון מקוה וואָס דאָס איז אַן ענין של מצוה.

בשעת מ'וועט אָבער לערנען אַז ס'איז דאָ אויך אַ דיעה, און דאָס איז דעת הירושלמי, אַז "פוקקין" און "מודדין" ו"קושרין" איז דאָס אַלע אויף אַ גלייכן אופן: סיי לשם מצוה סיי לשם מצוה.

וואָס דאָס וועט אַראָפּנעמען נאָך אַ שאלה, וואָס דער תוס' יום-טוב שטעלט זיך אויף דערויף, וואָס תוס' זאָגט אַז "פוקקין" איז דאָס סיי לשם מצוה סיי שלא לשם מצוה, משא"כ באַ "מודדין" איז לדעת הבבלי איז דאָס מערניט ווי לשם מצוה –

פרעגט ער: היתכן?! "פוקקין" איז אַ חשש וואָס דאָס איז דומה **לבני'**, וואָס דערפאַר האַלט ר' אליעזר אַז מ'**טאָר ניט** פוקק-זיין, ווי אין אַ משנה אין שבת לפני זה, (אין דעם זעלבן פרק) אין דער זעלבער מסכתא מיט כמה עמודים לפני זה; מדידה וואָס איז מערניט ווי אַ חשש פון "עובדין דחול" – שטעלט מען אַ תנאי דוקא לשם מצוה!

און ער פאַרענטפערט אויף דערויף, דעת התוס', אַז וויבאַלד אַז פוקקין איז דומה לבני', איז דאָך דאָס אַ גזירה חמורה – (קען) [איז] דאָס וואָס דאָס איז

לשם מצוה קען דאָס ניט מתיר זיין; אַ מדידה וואָס איז מערניט [ווי] אַן "עובדין דחול", איז אַ מצוה איז דאָס (מבטל די גזירה) מבטל דעם איסור.

דאָ ווערט דאָך אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: ס'איז דאָך "יש בכלל מאתיים מנה": צי דערפאַר וואָס "פוקקין" איז אַן ענין של בני' - איז דערפאַר איז דאָס ניט "עובדין דחול"?! איז דאָך דאָס [ב]מכל-שכן וקל-וחומר "עובדין דחול"! נאָר וואָס דען, דאָס האָט דעם ענין וואָס דאָס איז אויך אַן ענין וואָס דאָס איז דומה לבנין. אָבער "עובדין דחול" איז דאָך דאָס זיכער.

איז בשעת מ'זאָגט אַז "פוקקין", ס'איז ניטאָ דער ענין הבני', דערפאַר קען מען דאָס טאָן בשבת – דאָ(ס) בלייבט דאָך אָבער דער "עובדין דחול" בזה, און "עובדין בחול" - לויט ווי מ'ווייס לויט דעת הבבלי [אין] "מודדין" - איז דאָס דוקא ווען דאָס איז לשם מצוה, און "פוקקין" זאָגט תוס' אַז סיי לשם מצוה, סיי שלא לשם מצוה, און אַזוי ווערט אָפּגע'פסק'נט אין פוסקים.

וואָס די אַלע קשיות ווערן פאַרענטפערט בבת אחת:

בדעת הירושלמי, כאמור, איז "פוקקין ומודדין וקשורין" שטייען צוזאַמען, אָן קיין חילוק, וואָרום פונקט אַזוי ווי באַ "פוקקין" איז סיי לשם מצוה סיי שלא לשם מצוה - אַזוי איז דאָס סיי באַ קשירה און אַזוי איז דאָס סיי באַ מדידה,

דערפאַר ברענגט די דער ירושלמי די מעשה ווי ס'איז געווען וואָס עולא האָט געזאָגט, און האָט געזאָגט אַז ס'דאַרף זיין דוקא לשם מדידה.

על אחת כמה וכמה בנוגע צו קשירה, וואָס אפילו אין **בבלי** איז רש"י און דער ברטנורא לערנען, אַז דאָס איז אפילו שלא לשם מצוה אויך.

על פי זה ווערט אויך פאַרענטפערט וואָס די משנה ברענגט **צוויי** דוגמאות אויף מדידה, סיי מטלית און סיי מקוה:

ווען די משנה ברענגט מקוה אַליין – וואָלט מען געקענט אַ טעות-האָבן אַז ס'איז דוקא אין אַ מדידה פון אַ **מקוה**.

ווען די משנה ברענגט מטלית אַליין – וואָלט מען אויך געקענט אַ טעות-האָבן: פונקט אַזוי ווי מ'זאָגט (בנוגע צו קשירה, לויט דע) בהנוגע (צו מדיד) צו קשירה לדעת האוסרים, וואָלט מען געקענט מיינען אַז דאָס איז אַ מטלית וואָס מ'דאַרף אָפּמעסטן (מיטן??) בנוגע צו טהרת כהנים, אַז זיי טאָרן זיך ניט צורירן אויב ס'האָט אַ שיעור און דאָס איז אַ מטלית טמאה.

בשעת די משנה ברענגט **ביידע** דוגמאות ווערט דאָך די שאלה וואָס איז מוסיף איין דוגמא אויף די צווייטע? מוז מען זאָגן, אַז פון מקוה ווייס מען דעם ענין פון מצוה; כדי מ'זאָל וויסן אַז מטלית איז דאָס אַן ענין של חול, שלא לשם מצוה – דאַרף מען אויך ברענגען באַזונדער אַן ענין של מצוה און באַזונדער אַן ענין של חול.

וואָס דעמאָלט ווערט פאַרענטפערט די אַלע ניט-גלאַטקייטן וואָס מ'האָט (לויט דעם ירושל) לויט דעם בבלי, מיט נאָך כמה דיוקים.

וואָס לכאורה אָבער האָט דאָס אין זיך אַן ענין הפכי, ווי כלל ווי מ'האָט גערעדט אין בבלי וירושלמי, דער חילוק שביניהם, אַז דער בבלי (ירושלמי רעכנט זיך ווי ס'וועט זיין **בעתיד**, משא"כ אין בבלי רעכנט מען זיך מיטן מצב **בהוה**, און אויב דער מצב בהוה איז דאָס אַן ענין של הכבדה – איז מען אין דערויף ניט מחוייב צוליב אַ תועלת וואָס וועט קומען לעתיד, אין אַ זמן לאחרי זה, ווי כמדובר אַמאָל בארוכה און שוין געדרוקט, [וועט מען] איצטער ניט איבער'חזר'ן.

דער ענין פון גזירת שבת איז דאָך אַן ענין וואָס דאָס איז מפני העתיד:

פאַרוואָס איז מען גוזר? דער ענין מצד-עצמו ווי ער איז איצטער איז ניטאָ אין דערויף קיין איסור, מ'האָט אָבער מורא, אַז אויב מ'וועט אים מתיר-זיין דעם ענין – איז אָט דעמאָלט אויף דער שבת שלאחרי זה, אָדער שבתים שלאחרי זה, וועט ער דערפון אָפּלערנען, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז מותר, איז יענער ענין אויך מותר.

און דאָ קומט אויס אַ **היפך**, אַז לויטן בבלי דאַרף מען האָבן דוקא לשם מצוה, און לויטן ירושלמי איז מען מבטל די גזירה, וויבאַלד אַז בשעת מעשה איז דאָס אַן ענין של היתר.

דאָ איז אָבער דאָ נאָך אַ חילוק צווישן בבלי און ירושלמי:

ס'איז דאָ דער חילוק פון בבל און ירושלמי, ווי די גמרא ברענגט בכמה מקומות אין בבלי, אַז בשעת אתא לבבל איז "בקעה מצא וגדר בה גדר":

בשעת רב איז געקומען פון ארץ-ישראל אין בבלי, האָט ער געפונען דאָרט אַ "בקעה מצא", איז "גדר בה גדר" – האָט ער גוזר-געווען גזירות נוסף אויף די ענינים וואָס זיי זיינען אסור על פי הדין אויך אין ירושלמי.

פאַרוואָס איז דאָס בפשטות?

אַזוי ווי ארץ-ישראל איז דאָך "אוירא דארץ ישראל טהור", מיט כמה מעלות וואָס ס'איז דאָ אין ארץ הקודש, איז דאָרט איז מען ניט אַזוי עלול צו אַן ענין אויף דורכפאַלן און אַ טעות-האָבן און אָפּלערנען, דורך "מדמה מילתא למילתא", אַז וויבאַלד (מ'האָטאים מ) ער האָט געטאָן דעם ענין, קען ער טאָן אַ האַרבערן ענין אויך – וואָרום "אוירא דארץ ישראל מחכים" און אוירא דארץ ישראל איז טהור,

משא"כ אין בבל וואָס אויר פון חוץ-לארץ איז טמא, ועל דרך זה "במחשכים הושיבני" גייט דאָך דאָס אויף בבל.

וואָס דערפאַר איז דאָ גזירות וואָס (זיינ) מ'האָט גוזר געווען; וואו האָט מען דאָס גוזר-געווען? – ווי די גמרא אין **בבלי** זאָגט, אַז אויב ס'איז געווען "**בקעה** מצא" – איז דערפאַר איז "גדר בה גדר".

בשעת ער איז געווען אין ארץ-ישראל האָט ער ניט געפונען קיין "בקעה". ווען (ער) [עס] וואָלט **דאָרט** געווען די "בקעה" – וואָלט ער **דאָרט** געדאַרפט גוזר-זיין, אָדער אַן אַנדערער האָט דאָס געדאַרפט גוזר-זיין;

ווען האָט ער געפונען די "בקעה", וואו איז געווען די "בקעה"? – אין די "בקעה" שבעולם, וואָס דאָס איז געווען בבל. דערפאַר איז "גדר בה גדר".

על דרך זה אָט דאָ אויך:

וויבאַלד אַז דאָס איז אין בבל, וואָס דאָרט איז "**בקעה** מצא" – איז דערפאַר איז דאָרטן צוגעקומען גזירות, וואָס (אין) על פי הירושלמי איז אפילו שלא במקום מצוה איז "פוקקין ומודדין וקושרין בשבת"[2].

און יהי רצון, אַז בקרוב ממש, דערפון וואָס אַ איד לערנט אַן ענין בתורה, וואָס אָט דעמאָלט ווען ער לערנט דעם ענין איז ער דאָך אַ תלמיד-חכם, און אַ תלמיד-חכם "איקרי שבת" –

זאָל מען בקרוב זוכה-זיין צו טועם-זיין די מאכלי שבת אין די עיקבתא דמשיחא, וואָס דאָס איז **נאָענט** צו דער גאולה, וואָס "ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים",

2) לשלימות הענין ראה התוועדויות ש"פ בשלח וליל ט"ו בשבט שנה זו.

און דערנאָך איז תיכף ומיד איז מען מוסיף מחול על הקודש, און ס׳ווערט דער ״נגאלין מיד״ – בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו,

און אין אַן אופן פון **״כל מלאכתך עשוי״**: דער אויבערשטער האָט אָפּגעטאָן אויף (צוגרייט) אַראָפּברענגען די גאולה,

און ״כל מלאכתך״ כפשוטה מיינט דאָס, אַז **אַלע אידן** איז **״כלו כל הקיצין״**: מ׳האָט אָפּגעטאָן אַלע ענינים וואָס מ׳דאַרף האָבן כדי צו האָבן די גאולה,

און זוכה-זיין צו איר נשמות בגופים, ביז ״ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ בעיני בשר ובשעתא חדא וברגעא חדא.

און זאָל זיין בשעתא חדא וברגעא חדא דער סיום פון גלות, דער ״קץ שם לחושך״, און ס׳וועט זיך אָנהויבן די **״אתחלתא** דגאולה״ און גלייך צוזאַמען דערמיט די גאולה האמיתית והשלימה, גאולה בשלימותה,

ושמחת עולם על ראשם.

לחיים.

## שיחה ח.

און בנוגע זאָל מען לכתחילה וויסן, אַז בשעת מ'וועט קומען און מ'וועט וועלן אַז מ'זאָל זיי איבערגעבן אַ שליחות – דאַרף מען לכתחילה מיטברענגען אַ [צעטל] פון דעם ראש-הישיבה, פון משפיע, פון משגיח וכו' – ווי איז זיין מעמד ומצב בהנוגע צו לימוד התורה אין נגלה און לימוד התורה אין פנימיות התורה.

מסתמא וועט מען פאַנאַנדערטיילן די צעטלען,

וכאמור, יעדערער וועט זיך מתנדב-זיין "נדיב לבו יביאנו תרומת ה'", וכל המרבה הרי זה משובח.

און דער וואָס וועט וועלן וועט צושרייבן שמו ושם אמו.

און מתוך שמחה וטוב לבב וועט מען זוכה-זיין צו קיום היעוד פון "והריקותי לכם ברכה עד בלי די – עד שיבלו שפתותיכם מלומר די", נאָר אין די לעצטע טעג פון גלות,

און גיין מתוך שמחה וטוב לבב לקבל פני משיח צדקנו, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו".

לחיים.

ניגנו והריקותי לכם ברכה, תוך כדי עריכת ה"מגבית". בהמשך עודד כ"ק אד"ש את הנגינה.

כ"ק אד"ש צוה לנגן ניגון הבינוני ("דעם 'בינוני'"). ניגון ההכנה. ניגון אדה"ז (בבא הד' – פעם אחת) ("דעם ניגון ה'הכנה' און דערנאָך דעם אַלטן רבינ'ס ניגון"). "ניע זשוריצי כלאָפּצי" – כ"ק אד"ש עודד את הנגינה.

מישהו (כפה"נ ר' בערל ווייס) איחל להרבי ברכה ומזל-טוב לקראת שנת הל"ב לנשיאותו, ושיאריך ימים ושנים על כסא ממלכתא עד ביאת המשיח ביחד עם הרבי??

כ"ק אד"ש: אמן, כל המברך מתברך.

הנ"ל שרוצה ליתן להרבי (המחאה) בסך 32 אלף דולר, כמנין "לב"...

כ"ד אד"ש שאל למישהו (פרומערמאַן? שנלוה להנ"ל?): איך האָב אַ לאַנגע צייט אייך ניט געזען.

הנ"ל: אמר שהוא כן נמצא (בהתוועדויות) אלא שלאחרונה לא ניגש להרבי, כי קשה להגיע.

כ"ק אד"ש: דער בעל שם טוב זאָגט, אַז "במקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא". און דאָס איז אַ דין אין הלכות עירובין. די גמרא זאָגט אין עירובין, אַז בשעת ער האָט אַוועקגעלייגט די עירובין מחוץ לעיר, אין די אלפיים אמה, איז כאָטש אפילו ער געפינט זיך בביתו, הייסן די אלפיים אמה פון דעם פת וועגן וועלכן ער טראַכט. זאָגט די גמרא דעם טעם, דערפאַר וואָס מחשבתו איז דאָרט וואו זיין פת איז.

הנ"ל הזכיר משהו אודות הרב [יצחק] גראָנער שפועל גדולות בישיבה [במלבורן] וכו' וכו'.

כ"ק אד"ש: אויב אַזוי דאַרף איר דאָך שטיין על המשמר, ווייל ס'איז נאָך דאָ אַזעלכע וואָס ווילן (הנ"ל הפסיק את הרבי באמצע דיבורו ואישר שישנם כאלה והוא פועל בזה)... במילא איז "המתחיל במצוה" וועט איר זיין "אומרים לו גמור".

הנ"ל ביקש ברכה עבור בתו לזחו"ק.

כ"ק אד"ש: זאָל דער אויבערשטער אייך העלפן ווי געזאָגט אין פאַרברענגען, אַז בשעת "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך" איז "ויראו ממך", פאַרפירן זיי זיך מלכתחילה ניט. ניט דער פשט אַז מ'דאַרף מלחמה-האָבן און מנצח-זיין – נאָר זיי הויבן מלכתחילה ניט אָן במלחמה.

הנ"ל: הנ"ל הוא רב והולך דוקא בערכאות.

כ"ק אד"ש: איז דאָ צוויי זאַכן: ערשטנס, וועט איר ווערן אַ גרעסערער ירא-שמים פון אים, במילא וועט ער זען אַז "שם הוי' נקרא עליך", און אַ צווייטע זאַך – וועט איר טאָן - - מ'דאַרף טאָן בדרך הטבע אויך: פאַרבינדט זיך מיט אַ פּאָליטישאָן (וחזר עוה"פ: מיט אַ פּאָליטישאָן), וועט ער זיך?? געפינען דרכים!

הנ"ל: צריך למצוא דרכים בדרך הטבע.

כ"ק אד"ש: יע, אָבער דער וועג איז אויף זוכן אַ **פּאָליטישאָן**, אַזוי ווי ס'וועט זיין כמה עלעקשאָנס בזמן הקרוב – ווילן זיי יוצא-זיין נושא-חן זיין. בשעת איר וועט אים זאָגן וואָס דאָס איז, און אַ?? ראי' אַ גוטער פריינט, איז אויב אפילו ער דירעקט טאָר אין דערויף ניט טאָן, וועט ער געפינען אַזעלכע וואָס זיי וועלן דאָס טאָן.

כפה"נ שכ"ק אד"ש מזג לו יי"ש ואמר לו: איך האָב מיט אייך גערעדט וועגן "פת". איך וויל דאָך אַז אייער מחשבה זאָל זיין דאָ – וועל איך אייך געבן "פת" אויך צו דעם.

למישהו אחר שהזכיר אודות הרב רובין שנותן לבחורים ישיבה לחזור בבית הכנסת שלו דא"ח של כ"ק אד"ש...

כ"ק אד"ש: ביי אייך איז ניט לאַנג אין לאָס-אַנדזשעלעס געווען אַ סאַטמאַרער חגיגה. (הנ"ל לא ידע במה המדובר, והמשיך כ"ק אד"ש) ביי אייך אין לאָס-אַנדזשעלעס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק אַ סאַמאַרער חגיגה, - אין לאָס-אַנדזשעלעס. דאָרט איז געווען אייער ברודער וואָס ער האָט זיך אויך מצטרף געווען.

הנ"ל שאל: חגיגה?! ואמר לו כ"ק אד"ש: כ'ווייס ניט, צי עפּעס אַ חגיגה, אַ חנוכת הבית, כ'ווייס ניט וואָס געענוי. הנ"ל: חנוכת הבית? כ"ק אד"ש: יע, עפּעס איז דאָ געווען אַן ענין.

אַנטקעגן וואָס דערמאָן איך דאָס? פּונקט אַזוי ווי ס'איז פון מעשה זונטיק(?) וואָס ווילן ממשיך זיין, אַזוי איז דאָ מחרחרי ריב וואָס ווילן ווייטער אַריינשלעפּן דעם סאַטמערן.(?)

הנ"ל: לא יודע מזה, אדרבא, אחיו העשיר לקח על עצמו לעזור ל[ר'] נפתלי [אסטולין] בנידון יהודי רוסי'.

כ"ק אד"ש: נו, גוט, זאָל זיין בהצלחה. אָבער דאָס וואָס איך דערמאָן איצטער, אייער ברודער איז געווען צווישן די משתתפים אין דער אסיפה. די אסיפה איז געווען צוליב אַ דבר **טוב**, לטובת די מוסדות. (הנ"ל: כן, ביקרו במוסדות, אבל לא...) כ"ק אד"ש: די מוסדות סאַטמאַר אין לאָס-אַנדזשעלעס (הנ"ל: כן). דאָס אַליין איז אַ גוטע זאַך, אָבער פון די איז דאָ אַזעלכע וואָס ווילן ווייטער מחדש-זיין דאָס וואָס ס'איז געווען, ניט איצטער געדאַכט, אַמאָל.

הנ"ל: לא בלאָס-אַנדזשעלעס. הם מגיעים אלי לכסף, לכן אין להם שליטה שם.

כ"ק אד"ש: אָבער מ'דאַרף באַוואָרענען דורך אייער ברודער, אַז אויך **דאָ** זאָל דאָס ניט זיין.

הנ"ל: הוא ימסור את זה. אבל אחיו לקח ע"ע להיות אורח הכבוד, והבטיח לו שיבקש מכ"ק אד"ש ברכה לאריכות ימים, יהודי שקרוב לשבעים, שזוגתו ?? (כ"ק אד"ש: זאָל זיין בהצלחה) שכ"ק אד"ש יתן לו ברכה לאריכות ימים ושנים.

כ"ק אד"ש: אמן. (אולי להנ"ל) זאָל זיין "ונתתי שלום בארץ."(?)

הנ"ל: ברכה עבור האברך חיים ברוך רובין, שמקרב יהודים.

כ"ק אד"ש: זאָל זיין בהצלחה.

כ"ק אד"ש התחיל לנגן "ניעט ניעט ניקאַוואָ", ועודד מאוד את הנגינה.

* * *

ט. אַזוי ווי מ'האָט גערעדט וועגן דער ספר-תורה, און זיכער וועט מען דאָך טאָן ביתר שאת וביתר עוז – וועט מען מסיים-זיין מיט אַ שמחת-תורה'דיקן ניגון,

און זאָל זיין "בשמחה תצאו ובשלום תובלון" אין כל השנה כולה, מתוך שמחה וטוב לבב.

כ"ק אד"ש רמז שינגנו – וניגנו ניגון שמח"ת לאביו רלוי"צ ז"ל, תוך כדי שכ"ק אד"ש מעודד מאוד את הנגינה.

אח"כ התחיל כ"ק אד"ש לנגן "ווי וואָנט משיח נאַו", ועודד מאוד את הנגינה .

אח"כ אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה – ווען זיכער מאַכן אַ ברכה אחרונה.



ועד תלמידי התמימים העולמי

770 איסטערן פארקוויי • ברוקלין נ.י.